STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05737

DI KHINEZISHE FILOZOFYE UN POEZYE

A. Almi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אַלמי

די
כינעזישע פילאָזאָפיע
און פּאָעזיע

הויפטפארקויף
מאקס נ. מייזעל
ניו יארק, 1925

איבערדרוקן אָדער איבערזעצן אָן דעם
מחבר׳ם דערלויבעניש איז פֿאַרבאָטן.

כינעזישע לעגאציע,
וואשינגטאָן, ד. ק.

17 יוני, 1925

. . . עס פרייט מיך צו הערן, אַז איר האָט פארענ־דיקט אַ בוך אין אידיש א. נ. „די כינעזישע פילאָזאָפיע און פּאָעזיע".

די כינעזישע פילאָזאָפיע און פּאָעזיע איז אַ רייך און גרויס פעלד. עס איז ווערט די צייט און מי פון די, וואָס פארנעמען זיך אויף דעמדאָזיקן געביט.

די מערב־וועלט האָט פיל צו לערנען פון דער כינע־זישער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע, ווי דאָס כינעזישע פּאָלק קאָן לערנען פון די ווערק פון אָקצידענטאַלע דענקער און שרייבער.

מען דארף אייך גראטולירן פאר אייער ווערטפולער אונטערנעמונג.

סאאָ־קע אַלפרעד סצע.
כינעזישער געזאנדטער אין די פאר. שטאטן.

באַמערקונג

איך ווייס, אַז דידאַקטיזיקע אַרבעט איז ווי אַ טראָפּן אין ים פון דער פּילשפּראַכיקער ליטעראַטור, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן דער כינעזישער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע. איך האָב זיך הויפּטזאַכלעך אָפּגעשטעלט אויף די צוויי וויכטיקסטע חכמים כינעס — לאַאָ-טצע און קאָנפוציוס, און אויך זיי נאָר טיילווייז אויסגענוצט. איך האָב אין אַלגעמיין נישט אונטערגענומען קיין פולשטענדיקע און אַלזייטיקע אָפּהאַנדלונג וועגן די כינעזישע פילאָזאָפן און דיכטער, ווייל אַזאַ אונטערנעמונג איז פאַרבונדן סיי מיט לאַנג-יאָריקער אַרבעט און סיי מיט גרויסע הוצאות, וואָס ביי די איצטיקע טרויעריקע צושטענדן פונם אידישן ביכער-מאַרק קאָן עס זיין בלויז אַ שיינער חלום . . .

איך טו, פאַרשטייט זיך, אַן „אומגעבעטענע“ אַרבעט. ביי אונז — און אפילו צווישן אונזער אינטעליגענץ און שריפטשטעלער — איז מען לײדער נאָך נישט געוויינט צו אַזאַ „לוקסוס“ ווי אַריינצוגיין אין אַ פרעמדער וועלט. ווען דידאַקטיזיקע אָפּהאַנדלונג האָט זיך געדרוקט אין פאָרזעצונגען (אין די ”פרייע אַרבעטער שטימע“) האָב איך אָפט געהערט די טשיקאַווע טענה: ”וואָס מיר פּלוצים כינעזער? שרייבט וועגן יידן“, גלייך די גאַנצע גרויסע וועלט, מעג

עס זיין כינעזיש אָדער אפילו טאָטעריש, וואָלט זיך מיט אונז גאָרנישט אָנגעהערט.

אַזאַ טענה שמעקט מיט דושנעם פּראָווינציאַ־ליזם. מיר האָבן זיך אַרומגעשטעלט מיט אַ יידי־שער „כינעזישער מויער" און העכסטנס גיבן מיר אַמאָל אַ שמעק די לופט פון בערלין, פּאַריז, ווי דאָ וואָלט זיך שוין די וועלט געענדיקט. כינע, אינדיע? דערצו דאַרף מען שוין זיין משוגע. אָבער גראָד יענע גרויסע וועלט — כינע מיט אירע איבער פיר מיליאָן און אינדיע מיט אירע איבער דריי הונדערט מיליאָן מענטשן — איז דאָך פונם גרעסטן אינטע־רעס פאַר דעם אמת'ן קולטור־מענטש, פאַר דעם, וואָס זוכט — זיך אַליין אָדער די וועלט, אָדער ביידן; פאַר דעם, וואָס וויל עפּעס געפינען.

זאָל מיין באַשרענקטע אַרבעט זיין דער ער־שטער פּרואוו אויף דעמדאָזיקן געביט און אַן אָנ־רעגונג פאַר אַנדערע צו באַשענקען די יידישע ליטע־ראַטור מיט ווערק, וואָס זאָלן עפענען ברייט די טירן פון דער גרויס־פרעמדער „עקזאָטישער" וועלט פאַר דער יידישער גאַס. עס שאַדט נישט קיין שום אַנדער ליטעראַטור און וועט אונזער ליטעראַטור אויך נישט שאַדן. אדרבא, מיר וועלן אפשר גאָר געווינען דער־פון . . .

א. אַלמי (א. ח. שעפּס)

ניו יאָרק, יולי, 1925

אַזיע — אייראָפּע

בעת דער פאַר'עקשנ'טער מענטשלעכער גייסט, באַוואָפנט מיט די נייסטע דערפינדונגען פון דער וויסנשאַפט, קלאַפּט זיינע אומרואיקע פליגל אָן די ריזיקע אייזבערג, וואָס פאַרשטעלן דעם צוגאַנג צו די צוויי פּאָליוסן פון דער ערד, שטייען פאַרשלאָסן־אָפּגעשלאָסענע פון דער מערב־אייראָפּעאישער ציווי־ליזאַציע קאָלאָסאַלע אימפּעריעס, אוראַלטע ציווי־ליזאַציעס, פאַרבנרייכע קולטורן, מיט הונדערטער מיליאָנען מענטשן, וועלכע האָבן אונז אַ סך צו זאָגן, פון וועלכע מיר קענען אַ סך לערנען. וואָס ווייסן מיר פון אינדיע מיט אירע איבער דריי הונדערט מיליאָן איינוואוינער ? פון כינע מיט איר איבער פיר הונדערט מיליאָניקער באַפעלקערונג ? פון יאַ־פּאַן, קאָרעאַ, טיבעט, פון אַנדערע קלענערע פעלקער אין דעם מיסטעריעזן, פאַבלהאַפטן מזרח ?

א. אלמי

אייראָפּע און אַמעריקע האָבן געשיקט אַהין מיסיאָנערן, סוחרים און מיליטער־לייט — אַלע מיט דעם איינעם צוועק צו עקספּלואַטירן אויפן שענד־לעכסטן אופן דעם גוף און די נשמה פונם מזרח־מענטש ; און בעת „מיר" רויבן און מאָרדן אים, בעת אינדיע בלוטיקט אונטערן מיליטערישן קנאַפּל פון ענגלאַנד ; בעת כינע ראַנגלט זיך אין די רוי־בערישע נעגל פון צאָלרייכע איבערפאַלער, און בעת די גאַנצע אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע טובל'ט זיך אין אַ ים פון איר אייגן בלוט, האָבן די „ציוויליזאַ־טאָרן" פון אייראָפּע און אַמעריקע די עזה צו ריידן צום מזרח־מענטש אין נאָמען פון דערדאָזיקער רויב־און־מאָרד ציוויליזאַציע, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז ווי ווערט זיין, ווען כינע, למשל, זאָל נאָכטאָן יאַ־פּאַנ'ם ביישפּיל און אָננעמען די מיליטאַריסטישע מעטאָדן פון די אייראָפּעאישע נאַציעס . . .

דער ענגלישער שריפטשטעלער און רייזנדער ס אָ מ ע ר ס ע ט מ אָ ה ע ם באַשרייבט אין זיין בוך „אָן עי טשייניש סקרין" אַ באַגעגעניש, וואָס ער האָט געהאַט אין כינע מיט אַן אַלטן כינעזישן פילאָ־זאָף, וועלכער, אַלס דיפּלאָמירטער פון אַ דייטשישן

די כינעזישע פילאָזאָפיע

אוניווערסיטעט און פון דעם אָקספאָרד-אוניווערסי-
טעט אין ענגלאַנד, וואו ער האָט געלערנט אונטער
די צוויי ענגלישע פילאָזאָפן יוּם און בּוירק-
לי, קאָן גוט די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע.
וואָס דערדאָזיקער אַלטער כינעזער האָט געזאָגט
מאָהעם'ן, דריקט אויס דעם וואַקסנדיקן סענטימענט
פון פיר-הונדערט-מיליאָניקן פאָלק און איז ווי אַ
וואָרנונג צום אייראָפּעאישן אימפּעריאַליזם.

„ווען איר האָט נאָך געלעבט אין גריבער און
זיך געקליידט אין פעל — האָט דער פילאָזאָף געזאָגט
מאָהעם'ן, — זיינען מיר שוין געווען אַ קולטור-
פאָלק. ווייסט איר, אַז מיר האָבן געמאַכט אַן
עקספּערימענט, וואָס איז אומפאַרגלייכבאַר אין דער
וועלט? מיר האָבן זיך כסדר געמיט צו רעגירן
דידאָזיקע גרויסע מדינה נישט דורך מאַכט, נייערט
דורך חכמה. און אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער
זיינען מיר געווען ערפאָלגרייך. טאָ פאַרוואָס פאַר-
אַכט דער ווייסער מענטש דעם געלן? זאָל איך
אייך זאָגן? ווייל ער, דער ווייסער, האָט דערפונדן
דעם מאַשין-קאַנאָן; דאָס איז אייער סופּעריאָרי-
טעט! מיר זיינען אַן אומבאַשיצטע מחנה און איר

קענט אונז פּאַרטיליקן. איר האָט צושטערט דעם חלום פון אונזערע פילאָזאָפן, אַז די וועלט קאָן רע־גירט ווערן דורך דער מאַכט פון געזעץ און אָרדנונג, און איצט לערנט איר אונזערע יונגעלייט אייער סוד. ווייסט איר, אַז מיר באַזיצן אַ געניום פאַר מעכאַ־ניק ? ווייסט איר, אַז אין אונזער לאַנד זיינען פאַ־ראַן פיר הונדערט מיליאָן מענטשן פון דעם העכסט פּראַקטישן און אינדוסטריעלן פאָלק אין דער וועלט ? מיינט איר, אַז עס וועט אונז נעמען לאַנג אויסצו־לערנען ? און וואָס וועט ווערן פון אייער סופּעריאָ־ריטעט ווען דער געלער מענטש וועט קענען פּאַב־ריצירן קאַנאָנען אַזוי גוט ווי דער ווייסער, און זיי אויך אַזוי גוט פייערן ? איר האָט זיך געשטיצט אויפן מאַשין־קאַנאָן און דורכן מאַשין־קאַנאָן זאָלט איר געאורטיילט ווערן״ . . .

די בלוט־שכור׳ע אימפּעריאַליסטן פון אייראָפּע און אַמעריקע זיינען בלינד פאַר דערדאָזיקער פּער־ספּעקטיוו, אָדער מאַכן זיך נישט זעענדיק — און דאָס איז די ערגסטע בלינדקייט. אָבער וואָס די אימ־פּעריאַליסטן ווילן נישט זען, באַמערקן די איינצלנע פיינערע גייסטער, וועלכע וואָלטן וועלן זען די נאַר־

די כינעזישע פילאָזאָפיע

מאַלע פאַרטזעצונג און אַנטוויקלונג פון דער כינע־זישער קולטור און ציוויליזאַציע, און זיי וואָרענען פאַר די קאָנסעקווענצן פון דער גוואַלטזאַמקייט פון אייראָפּעאישן אימפּעריאַליזם בנוגע דעם ריזיקן כינע. איינער פון די געציילטע, וואָס האָט אויפ־געהויבן זיין קול קעגן אייראָפּעס שאַנד־פּאָליטיק אין כינע איז דער באַקאַנטער ענגלישער געלערנטער און פילאָזאָף בערטראַנד ראָסל. שרייבנ־דיק וועגן כינע, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ שטיק צייט, זאָגט ער:

„די מעטאָדן פון אייראָפּע און יאַפּאַן וועלן זיי (די כינעזער) צווינגען מיט דער צייט צו ווערן ווי יאַפּאַן, מיליטאַריסטיש, אימפּעריאַליסטיש און ברו־טאַל. די מעטאָדן פון אַמעריקע וועלן זיי שטויסן צו ווערן ווי אַמעריקע, אָבער ווען זייער אַנטוויקלונג זאָל געלאָזן ווערן פריי, קענען זיי, ווי איך גלויב, געבן דער וועלט אַ נייע ציוויליזאַציע, אָנצוגיין מיט די קונסטן און וויסנשאַפטן נאָכדעם ווי אייראָפּע איז פאַרטרונקען אין אַ ים פון בלוט“.

דאָס ערגסטע איז, וואָס נישט בלויז די רעגי־רער, נאָר אויך די פעלקער, צווישן זיי אויך גרויסע

א. אלמי

טײלן פֿון דער אינטעליגענץ, האָבן אַ פֿאַלשע פֿאָר־שטעלונג װעגן די כינעזער, קוקן אױף זײ װי אױף פּראים, װילדע אָדער האַלב־װילדע, בלױז דערפֿאַר, װאָס זײ האָבן נישט אָנגענומען די אײראָפּעאישע ציװיליזאַציע.

דאָס ריזיקע אור־אַלטע כינע מיט איר קולטור, פֿילאָזאָפֿיע, פּאָעזיע, מיט איר לעבנס־שטײגער, מיט איר מערקװירדיקסטער קאָנצעפּציע פֿון רעליגיע, איז דאָך נאָך אַ כמעט־אומבאַטראָטענער באָדן, אַ זײער־װײניק אױסגעפֿאָרשט געביט פֿאַר דעם אײ־ראָפּעער. געװיס, כינע איז אױף אַזױ פֿיל אַנדערש, אַז עס איז אונז שװער צוצוטרעטן צו איר. מיר מוזן פֿריער אַװעקװאַרפֿן די אײראָפּעאישע װאָגן און מאָסן, זיך אױף אַ מאָמענט באַפֿרײען פֿון אונזערע אײגענע באַגריפֿן, כּדי צו קענען פֿאַרשטײן אױף װיפֿל־ניט־איז דעם כינעזער, דעם כינעזישן לעבנס־אַרט, אום דער סאַרקאַסטישער שמײכל װעגן דעם „ריז אױף לײמענע פֿיס" זאָל פֿאַרשװינדן פֿון אונ־זערע ליפּן און מיר זאָלן אָנהױבן קוקן אױף כינע מיט באַװאונדערונג און רעספּעקט.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

עס זיינען פאַראַן צוויי געביטן ,וואָס מוזן אונז נאָענט ווערן אין כינע באַלד ווי מיר באַקענען זיך מיט זיי. דאָס איז די פילאָזאָפיע און פּאָעזיע. אין זיי דערהערן מיר דאָס פלאַטערן פון דער כינעזישער נשמה, וואָס איז אַזוי נאָענט, אַוי אייגן אונזער אייגענער נשמה — און האָט דען דער מענטשלעכער גייסט גרענעצן ,כינעזיש, רוסיש, דייטש, ענגליש א. א. וו. ? די פליגלען פון כינעזישן גייסט פלאַטערן אין דעם אייגענעם רוים, אין די זעלביקע ספערן, וואָס די פליגלען פון יעדן אַנדערן גייסט, וואָס פאַראַנאַציאָנאַלע פלאָמבע מיר זאָלן אויף אים נישט אָנהענגען. פון דער כינעזישער פּאָעזיע ווייעט די אייגענע בענקשאַפט, ליבע, צווייפל, טרויער און פרייד וואָס פון אונזער פּאָעזיע. די גרונט-געדאַנקען און שיטה׳ס פון דער כינעזישער פילאָזאָפיע זיינען אַזוי ענלעך צו דער קלאַסיש-גריכישער און מאָדערן- איי-

א. אלמי

ראַפּעאישער, אַז מיר קענען זיי טיילווייז צושרייבן צו סאָקראַטעס, אַריסטאָטל, פּיטאַגאָרוס, עפּיקור, שפּינאָזאַ א. א.

בראַון, אין זיין בוך „די חכמה פון די כי־נעזער“, שרייבט:

... „ווען איר באַקענט זיך מיט דער געשיכטע פון די כינעזער, זייער קונסט, ליטעראַטור און פי־לאָזאָפיע, זעט איר, אַז זיי האָבן געשאַפן זייער גרויסע ליטעראַטור ווען האמוראבי האָט געמאַכט געזעצן פאַר דעם יונגן בבל; אָדער איידער די שטאָט רוים איז געבויט געוואָרן; און אַז זיי האָבן געהאַט גרויסע דענקער איידער סאָקראַטעס אָדער פּלאַטאָ זיינען דערשינען אין גריכנלאַנד: דאָך, ווען איר לייענט די געשיכטעס פון די פילאָ־זאָפיעס, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די מערב־לענדער, געפינט איר ניט קיין איין מאָל דערמאָנט די כינעזישע דענקער.

„דאָס קאָן זיין דערפאַר, ווייל דעם מערב־גע־דאַנק — דעם אַקאַדעמישן מיין איך — האָט אָפּגע־האַלטן דער אופן ווי די כינעזישע פילאָזאָ־פיע איז אויסגעדריקט. די דאָזיקע פילאָזאָ־

די כינעזישע פילאָזאָפיע

פיע באַשטייט מערסטנס אין קורצע אגדות, שפּרוכן און עיקרים, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין שמועסן צווישן די גרויסע לערער און זייערע תלמידים, אויפן שטייגער פון סאָקראַטעס און זיינע תלמידים. דאָס איז פאַר דעם מערב-מענטש נישט געווען אַזוי אינטערעסאַנט ווי אַ מעטאָד, אַ פילאָ-זאָפיש סיסטעם. בקצור, אַ גוט-דעפינירטע אידעע אַלם אָנהויב און אַ פאַרענדיקונג מיט אַן אַזוי-גע-רופענעם לאָגישן שלום.

„די כינעזישע פילאָזאָפיע ווערט באַטראַכט פאַר „נישט פולשטענדיק" צוליב דעם, וואָס איר פעלן אַנטוויקלטע מעטאָדן, לאָגיק—אָבסערוואַציע, אינ-דוקציע און דעדוקציע. נאָר, וועלכע פילאָזאָפיע איז יאָ פאָלקאָם? האָט זיך די גאַנצע סומע פון מענטש-לעכער דערפאַרונג אָפּגעשטעלט, און קאָן דער מענטש מער קיין דערפאַרונגען נישט דורכמאַכן? האָט זיך געענדיקט די עוואָלוציע פונם מענטשלאַכן וויסן? דער מענטשלעכער געדאַנק איז נישט פאַר-ענדיקט; ער איז אין פּראָצעס פון ווערן. יעדער טאָג באַרייכערט אונזער וויסן מיט עפּעס, וואָס איז פריער נישט געווען. דער אמת ווערט דערגרייכט

א. אלמי

דורך אַ לאַנגזאַמען וואוקס פון וויסן, נישט דורך נבואה".

צווישן דער כינעזישער און גריכישער פילאָזאָפיע איז, אַלזאָ, אַן אונטערשייד אין שטייגער, ניט אין פאַרנעם אָדער אינהאַלט. עס ווערט אָנגעוויזן, אַז אין דער מערב־פילאָזאָפיע פאַרנעמט דער מעטאָד אַלץ מער און מער דאָס אָרט פון אינספּיראַציע. סיסטעם — דאָס אָרט פון אינהאַלט. דאָסזעלבע זעען מיר אויך אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, וואו אַלערליי ריכטונגען און פאָרם־שפּילעריי געווינען — איבערהויפּט אין דער פּאָעזיע — די „אויבערהאַנט" איבער תוך און אינהאַלט, איבער דערלעבעניש און אינטואיציע. דער כינעזישער פילאָזאָף, ווי דער כינעזישער פּאָעט, האָט קודם־כל אין זינען די מענטשלעכע נשמה, די איבערלעבענישן און שטימונגען, וואָס קומען אויף אין זיין געמיט, אָדער ווערן אַרויסגערופן פון דער סביבה.

די פילאָזאָפיע, ווי די פּאָעזיע אין כינע, איז אָבער אויך נענטער פאַרבונדן מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן, מיטן מענטש און זיינע פריידן און ליידן, ווי אין וועלכן־ס'איז אַנדערן לאַנד. בעת אין אַלטן

די כינעזישע פילאָזאָפיע

גריכנלאַנד האָט די פילאָזאָפיע, מיט דער ברכה פון אַריסטאָטל, און אַנדערע, באַרעכטיקט שקלאַפעריי, כדי די אויבערשטע שיכטן זאָלן קענען רואיק אָנגיין מיט פילאָזאָפיע און קונסט, איז די כינעזישע פילאָזאָפיע, אין אַלע אירע אָפּצווייגונגען, שטענדיק געווען ענג פאַרבונדן מיט די-טאָג-טעגלעכע אינטערעסן פון די מענטשן, אָן אונטערשייד פון קלאַס, פון געזעלשאַפטלעכער מדרגה. זי איז נישט אַוועקגעפלויגן אין די ווייטע הימלען, איבערלאָזנדיק די ליידנדע מענטשן אויף הפקר, נאָר זיך געהאַלטן האַרט ביי דער ערד, און אויב ביי דעם און ביי יענעם כינעזישן פילאָזאָף האָט זיך די פילאָזאָפיע אַ הויב-געטאָן איבער די וואָלקנס, האָט זי אַהין מיטגענומען די פשוט'ע פאָלקס-מענטשן, זיי זאָלן אויך געניסן „מזיו השכינה" . . .

בכלל האַלט זיך די כינעזישע פילאָזאָפיע נאָענט צו דער ערד, נאָענט צום מענטשן. דאָס איז אָבער בשום-אופן נישט מחמת אַ מין פּראַגמאַטיזם — ווי די פילאָזאָפישע שיטה, וואָס איז אין סוף פון די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט אַנטשטאַנען אין דעם פּראַקטישן אַמעריקע. בעת דער פּראַגמאַ-

א. אלמי

טיזם, וועמעס גרינדער איז געווען ט ש. פ י ע ר ס, וויל אָפּהאַלטן דעם פילאָזאָפישן געדאַנק פון זיין האַסטיקן לויף אין ספערן, וואו דער שכל קאָן אים נישט נאָכפליען און אים האַלטן צוגעבונדן צו די פראַקטישע אינטערעסן און נוצן פון דער טאָג-טעג-לעכער דערפאַרונג, פון וועלכע ער קאָן סיי-ווי נישט אַרויסשפרינגען, האָט די כינעזישע פילאָזאָפיע, ווי די גריכישע, קיינמאָל קיין פּענטעס אויף זיך נישט אָנגעטאָן. זי איז אַלעמאָל געווען פריי אין איר לויף, נאָר מיטן מענטש אַלס דעם עיקר. דער פילאָזאָ-פישער געדאַנק, אַרומגייענדיק דעם אוניווערס, קומט דאָרט כסדר צוריק צום מענטש, וועמען זי זוכט בעסער און שענער צו מאַכן, צו דערהויבן און לייַ-טערן. דער כינעזישער פילאָזאָף איז נישט קיין קאַ-בינעט-מענטש, קיין בטלן, וואָס איז אויסגעטאָן פון וועלט און לעבן. ער איז אַ טרובאַדור, אַ שטענדי-קער וואַנדערער, וואָס גייט פון שבט צו שבט, פון שטאָט צו שטאָט, פון פּראָווינץ צו פּראָווינץ, לעבט צווישן פרינצן און בעטלערס, פאַרשפּרייטנדיק זיין חכמה, זיין אמת; ער אָפּערירט נישט מיט הויכע, שווערע טערמינאָלאָגיעס, וואָס בלויז איינצלנע זייַ-

די כינעזישע פילאָזאָפיע

נען זוכה צו פאַרשטיין. זיין שפּראַך איז איינפאַך, קלאָר און צו דערזועלבער צייט קרעפטיק און אי־בערצייגנדיק. דאָס איז אמת וועגן אַלע כינעזישע פילאָזאָפן, אָן אויסנאַם. וועגן קאָנפוציוס (קונג־פו־טצע) און זיין בעסטן תלמיד מ ע נ צ י ו ם (מאנג טשע); וועגן ל א אָ - ט צ ע, דעם גרינדער פון טאאיזם, און י א נ ג - ט ש ו, וועמעס פילאָ־זאָפיע איז זייער ענלעך צו דער פון גריך ע פּ י - ק ו ר, און דער גאַנצער ריי פון כינעזישע פילאָ־זאָפן, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן איבערגעגעבן זייער חכמה דעם גרויסן כינעזישן פאָלק. קאָנפוציוס זאָגט אויף איין פּלאַץ: „אַ מענטש קאָן גרוים מאַכן זיינע פּרינציפּן; פּרינציפּן מאַכן נישט גרוים דעם מענטש. דער מענטש איז, אַלזאָ, גרעסער ווי יעדעס סיסטעם פון דענקען".

דערפאַר איז די פילאָזאָפיע אינערגעץ נישט אַזוי שטאַרק אריינגעדרונגען אינם לעבנס־שטייגער פון פאָלק, ווי אין כינע. מיר זעען אויך אין אַלטן גריכנ־לאַנד טרובאדור־פילאָזאָפן, ווי אַ שטייגער סאָקראַ־טעס, וועלכע האָבן זייער חכמה געפּריידיקט אויף די גאַסן און מאַרקן, צווישן פאָלק. אָבער זייער צאָל

א. אלמי

איז זייער קליין. די מאָדערנע פילאָזאָפיע איז אינ־גאַנצן אָפּגעשלאָסן פון גרויסן עולם. זי איז אַ קאַ־בינעט און סאַלאָן־פילאָזאָפיע — פון און פאַר פריי־ווילעגירטע. אַנדערש איז עס אין כינע.

כינע איז אַ לאַנד פאַקטיש אָן רעליגיע. די פילאָזאָפיע פאַרנעמט דאָרט דאָס אָרט פון דער רע־ליגיע. נישט דער קאָנפוציאַניזם און נישט דער טאַאָיזם, די ריינע שאַפונגען פון כינעזישן גייסט*) זיינען רעליגיעס אינם זין ווי דאָס יידנטום, קריסטנ־טום אָדער איסלאַמיזם. זיי זיינען לעבנס־פילאָזאָ־פיעס, וואָס זיינען אין די שפּעטערדיקע יאָרן צוגע־פּוצט געוואָרן מיט „רעליגיעזע פּעדערן". קאָנפו־ציוס, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אַרום יאָר 550 פ. ק., האָט זיך אפילו קיינמאָל נישט באַרופן אויף געטלעכקייט. ער איז געווען ווייט פון מיסטיציזם, און איינמאָל האָט ער געזאָגט צו טצע־לו, איינעם פון זיינע תלמידים: „ווי לאַנג מיר זיינען נישט דערפאָלגרייך אין דינען דעם מענטש, פאַרוואָס זאָלן

*) וועגן בודיזם, וואָס איז קיין כינע אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון אינדיע, וועל איך שפּעטער ריידן.

די כינעזישע פילאָזאָפיִע

מיר ריידן וועגן דינען די איינוואוינער פון אַן אַנ־דער וועלט ? בעת איר קענט נישט דינען דעם מענטש, ווי קענט איר דינען גייסטער ?" אַן אַנ־דער מאָל האָט ער געזאָגט : „בעת איר ווייסט נישט דאָס לעבן, וואָס קענט איר וויסן וועגן טויט ?".

קאָנפוציוס האָט אויך נישט געהאַלטן פון דער אידעע גוט צו מאַכן דעם מענטש דורך „שכר ועונש", אַ באַלוינונג, אויף יענער וועלט, פאַר זיינע גוטע מעשים און אַ שטראָף פאַר זיינע שלעכטע מעשים. ער האָט געגלויבט אין דער אינערלעכער גוטסקייט פון מענטש, און ער איז אפילו געווען איבערצייגט, אַז די הערשער קענען באַקערט ווערן צום גוטן, און ער האָט זיך צו זיי אָפט געווענדט, געזוכט זייער באַקאַנטשאַפט, כדי זיי צו באַוועגן אָנצונעמען זיינע אידעען און לויט זיי צו רעגירן. „אויב וועלכער־ס'איז הערשער — האָט ער דערקלערט — זאָל זיך איבערגעבן צו מיר אויף צוועלף חדשים, וואָלט איך דערגרייכט עטוואָס ווערטפולעס ; און אין דריי יאָר וואָלט איך דערגרייכט די רעאַליזירונג פון מיינע האָפנונגען".

א. אלמי

דאָך וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז קאָנ־פוציוס איז געווען אַ מאַטעריאַליסט־אַטעאיסט. ער האָט געגלויבט אין אַ העכערן כח, וואָס פילט אויס דעם אוניווערס. ער האָט בלויז נישט געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן דעם כח דינען, אָדער זיך פאַרנעמען מיט אים, בעת ס'איז פאַראַן אַזוי פיל צו פאַריכטן אויף דער ערד . . . אויף איין פלאַץ זאָגט ער: „דער אמת איז גאָט'ס געזעץ. דערוואָרבענער אמת איז דאָס געזעץ פונם מענטשן. אמת מיינט די רע־אַליזירונג פון אונזער זיין; און מאָראַל־געזעץ מיינט דאָס געזעץ פון אונזער עקזיסטענץ. דער אמת איז דער אָנהויב און דער סוף פון אונזער לעבן. אָן אמת איז נישטאָ קיין עקזיסטענץ".

„אמת — זאָגט ער ווייטער — איז נישט בלויז די רעאַליזירונג פון אונזער אייגענער עקזיסטענץ: עס איז אויך ד אָ ס, דורך וועלכן די זאַכן אויסער אונז קענען עקזיסטירן (פאַרגלייך מיט קאַנט'ס „דאָס דינג אַן זיך"). די רעאַליזירונג פון אונזער זיין איז דער מאָראַלישער חוש; די רעאַליזירונג פון זאַכן אויסער אונז, איז אינטעלעקט. ביידע, מאָראַלישער חוש און אינטעלעקט, זיינען די

כחות און מדרגות פון אונזער עקזיסטענץ. זיי פאַר־אייניקן דאָס אינערלעכע און סוביעקטיווע און פאַר־מירן אונזער אָביעקטיוון געברויך פון דער מאַכט פון פאַרשטאַנד. דעריבער איז אַלץ, וואָס ווערט געטאָן מיט אמת, גערעכט".

איינמאָל האָט ער זיך אויף זיינע וואַנדערונגען אָנגעטראָפן מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון דער וועלט מיט אירע ערדישע אינטע־רעסן. ער האָט דאַן וועגן זיי געזאָגט צו טצע־לו: „עס איז זיך אוממעגלעך צוריקצוציען פון דער וועלט און זיך אַסאָציאירן מיט פייגל און חיות, וועלכע האָבן נישט קיין געמיינזאַמס מיט אונז. מיט וועמען זאָל איך זיך פאַרבינדן, אויב נישט מיט ליידנ־דע מענטשן?"

ער האָט אַמאָל אויסגעדריקט אַ וואונטש צו וואוינען צווישן געווויסע ווילדע שבטים. אויף דער פראַגע, ווי ער וועט קענען פאַרברענגען מיט ווילדע, האָט ער צוריקגעפרעגט: „אויב אַ העכערער טיפּ מענטש זאָל וואוינען צווישן זיי, ווי וואָלט זייער ווילדער צושטאַנד געקענט אָנהאַלטן?" אַזוי שטאַרק האָט קאָנפוציוס געהאַלטן פון מענטשן און

א. אלמי

ער האָט געגלויבט אין ווייזן מ י ט ז י ך אַ ביישפּיל. דער הערשער, דער לערער, דער דיכטער — זיי דאַרפן פירן אַזאַ לעבן, וואָס זאָל זיין אַ מוסטער פאַרן פאָלק. דער פערזענלעכער ביישפּיל איז וויכטיקער און איבערצייגנדיקער ווי דאָס וואָרט. איינמאָל האָט ער אויסגעדריקט צו זיינעם אַ תלמיד, טצו־קונג, אַ וואונטש צו קענען אויסקומען אָן ריידן, און ווען דער תלמיד האָט געפרעגט: „אויב אונזער האַר וואָלט קיינמאָל נישט גערעדט, ווי וואָלטן מיר, זיינע תלמידים, איבערגעגעבן זיינע דאָקטרינען?“, האָט קאָנפוציוס געענטפערט:

„טוט גאָט ריידן? די פיר סעזאָנען פון יאָר האַלטן־אָן זייער גאַנג, און אַלע זאַכן זעצן־פאָר זייער לעבן און וואַקסן. און איצט, זאָג מיר, טוט גאָט ריידן?“

דער מענטש ווי דער עיקר פאַרן מענטש — פריער מענטש, דערנאָך גאָט און גייסט, ווייל דער מענטש איז אַמנאָענטסטן דעם מענטשן; די נאַטירלעכע, אומיטלבאַרע גוטסקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס קומט פון גאָט — די גוטסקייט, וואָס דאַרף אַרויסגעשיילט ווערן פון דעם אָנגע־

די כינעזישע פילאָזאָפיע

זאמלטן פסולת פון שלעכטס און וואָס דאָס צו טאָן איז דער אויפגאַב פון דעם העכערן טיפ מענטש — דאָס זיינען די הויפט־פרינציפן פון ריינעם קאָנפו־ציאָניזם. מיטן העכערן טיפ מענטש האָט קאָנפו־ציוס געמיינט דעם, וואָס איז „איינפאַך, ערלעך און אַ ליבהאָבער פון גערעכטיקייט און פליכט". „מאַך די געוויסנהאַפטיקייט און אמת פאַר דיינע לייטענ־דע פרינציפן, און זיי וועלן דיך פירן צו דער קול־טיווירונג פון דער פליכט צו דיין שכן", און דידאַ־זיקע פרינציפן, וואָס דער גרויסער כינעזישער לערער און פילאָזאָף האָט געפּריידיקט צו אַנדערע, האָבן אים אַליין באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן, נישט מאַכנ־דיק וועלכע־ס'איז קאָמפּראָמיסן. מיט איבער 500 יאָר פאַר קריסטוס'ן האָט קאָנפוציוס געלעבט „קריסטלעכער" ווי דער מאָדערנער קריסטלעכער מאָראַל־פילאָזאָף לעוו טאָלסטאָי, וועלכער האָט אויך אַזוי שטאַרק געגלויבט אין דער נאַטירלעכער גוטס־קייט פון דער מענטשלעכער נשמה און אויך זיך איבערגעשריבן מיט די הערשער („צו מיין ברודער ניקאָלאַי". . .), נאָר קיין קוראַזש נישט געהאַט צו לעבן אויסגעהאַלטן לויט זיינע איבערצייגונגען . . .

א. אלמי

דער מאָדערנער כינעזישער שריפטשטעלער לי האָי-סאנג, דער מחבר פון „ע פוירל קאָלעקשאָן“ און אַנדערע ענגלישע ווערק איבער כינע, שרייבט וועגן קאָנפוציוס׳ן:

„מיר זאָגן אין כינע: „קאָנפוציוס! קאָנפוציוס! ווי גרויס איז קאָנפוציוס! ביז קאָנפוציוס׳ן איז קיינמאָל נישט געווען א קאָנפוציוס. זינט קאָנפוציוס איז מער קיין קאָנפוציוס נישט פאַראַן! ווי גרויס איז קאָנפוציוס!“

„אין דער מערב-וועלט האָט עמיצער געזאָגט, אַז קאָנפוציוס האָט דערפונדן די חכמה, און ווען איר געפינט ביי אים אַזעלכע שפּרוכן ווי „ווען דו ווייסט אַ זאַך, צו האַלטן, אַז דו ווייסט עס, און ווען דו ווייסט נישט — מודה צו זיין אויפן פאַקט, דאָס איז וויסן“, זענט איר גרייט אים צו דערלויבן דעם טיטול.

„קאָנפוציוס און זיין גרעסטער נאָכפאָלגער מענציוס זיינען געווען רעפאָרמער אין דעם אמת׳ן זינען

פון וואָרט. זייער גאַנצער אויפגאַב איז געווען צו קאָנסטרואירן דעם פערזענלעכן כאַראַקטער, און זיי האָבן געפאָדערט, אַז די מאָראַלע און ספּיריטועלע נאַטור זאָלן פאַרנעמען דאָס אָרט פון מאַכט.

„קיין ראַנג איז נישט געווען צו הויך, קיין קלאַס צו נידעריק — שרייבט ווייטער לי האָי-סאַנג — פאַר דער לערע פון דעמדאָזיקן אוניווערסאַלן פּרינציפּ; און נישט מיט קיין אַנדער פערזענלעכער אויטאָריטעט, ווי זייער אייגענע ערלעכע איבערצייי־גונג, האָבן די דאָזיקע צוויי לערער געפאָדערט פון קעניקן און פעלקער די אָקצעפּטירונג פון זייער אמת“.

עס געפינען זיך אויך אַזעלכע פאָרשער פון דער אַלטער כינעזישער פילאָזאָפיע, וועלכע זעען אין קאָנפוציוס'ן דעם פּראָטאָטיפּ פון ניטשע'ן, אי־בערהויפּט אינם קאָנפוציאַנישן באַגריף פון העכערן טיפּ מענטש, און זיי געפינען אין דעם פונקט אויך אַן ענלעכקייט צום קאָנפוציאַניזם אין קאַרלייל'ס טעאָריע פון גרויסע מענטשן. עס איז זיכער פאַראַן אַזאַ ענלעכקייט, אפילו אין קאָנפוציוס'עס אויסלאָזן דעם מעטאַפיזישן עלעמענט, צווישן קאָנפוציוס'עס

א. אלמי

„העכערן טיפּ“ און ניטשע'ס „אויבערמענטש“. אָבער מיט דעם גרונט-אונטערשייד, וואָס דער העכערער טיפּ ביי קאָנפוציוס'ן דאַרף נישט אויסוואַקסן אויפן חשבון פון די איבעריקע, שוואַכע, צום אונטערגאַנג-פאַראורטיילטע מענטשן ; קאָנפוציוס וויל אַלעמען דערהויבן צו זיין אידעאַלער הויכער מדרגה און, ווי מיר האָבן פריער געזען, איז ער איבערצייגט, אַז דאָס קאָן — דורך פערזענלעכן ביישפיל פון די הערשער, לערער און פירער — דערגרייכט ווערן.

ס ו - מ א נ י ו , איינער פון קאָנפוציוס'- עס תלמידים, האָט געבעטן זיין לערער ער זאָל אים געבן די דעפיניציע פון דעם העכערן (אויבער) מענטש, און דער לערער האָט אים געזאָגט : „דער אויבערמענטש איז דער, וואָס ווייס נישט פון קיין שמערץ אָדער שרעק“. אָפּוועזנהייט פון שמערץ און שרעק ! איז דאָס דער צייכן פון העכערן טיפּ מענטש ? און קאָנפוציוס ענטפערט : „אויב ער געפינט נישט אין זיין האַרץ קיין שולדיקייט, פאַר- וואָס זאָל ער ליידן שמערץ ? און פאַרוואָס זאָל ער מורא האָבן ?“.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

קאָנפוציוס'עס אויבערמענטש, אין קעגנזאַץ צו ניטשע'ס, קוקט נישט פון אויבן אַראָפּ מיט פאַראַכטונג אויף די שוואַכע, ליידנדע, נידערגעשלאָגענע מענטשן. פאַרקערט, ער ליידט מיט זיי צוזאַמען און זוכט זיי צו העלפן. נאָך מער: דער העכערער מענטש דאַרף זיך האַלטן איינפאַך, באַשיידן. טצע־טשאַנג האָט קאָנפוציוס'ן געפרעגט: „וואָס דאַרף אַ מענטש טאָן, כדי זיך אויסצוצייכענען?" קאָנפוציוס פרעגט אים איבער: „וואָס מיינסטו מיטן וואָרט „אויסצייכענען"? טצע־טשאַנג דערקלערט: „איך מיין איינעם, וועמעס רום פילט־אָן אי זיין פּריוואַטן קרייז און אי דאָס לאַנד בכלל". קאָנפוציוס האָט געענטפערט: „דאָס איז פּאָפּולאַריטעט, נישט קיין אויסצייכנונג. דער מענטש פון אמת'ער אויסצייכנונג איז ערלעך, איינפאַך און אַ ליבהאָבער פון גערעכטיקייט און פליכט. ער שעצט די רייד פון אַנדערע און אָבזערווירט דעם אויסדרוק אויף זייערע געזיכטער."

„דער העכערע טיפּ מענטש, — זאָגט קאָנפוציוס אויף אַן אַנדער אָרט, — מאַכט דאָס פליכטמבאַוואוסטזיין פאַר דער הויפּטזאַך פון זיין כאַראַק-

א. אלמי

טער, בינדט עס צענויף מיט זיינע מעשים אין א הארמאנישער פראפארציע, און פארפאלקאמט עס דורך ערנסטקייט און אמת. דאן איז ער א נאבעלער כאראקטער".

דערביי גיט קאנפוציוס ניין פונקטן, ביי וועלכער דער סופרא-מענטש דארף זיך האלטן:

„דער העכערער טיפ מענטש וויל זען קלאר, הערן ריכטיק, זיין פריינטלעך אין זיין אויסזען, ערענהאפט אין זיין באנעמונג, געוויסנהאפט אין זיין ריידן, ערנסט אין זיינע עסקים; ווען ער צווייפלט, איז ער פארזיכטיק נאכצופרעגן; ווען ער איז אין כעס, טראכט ער וועגן די קאנסעקווענצן; ווען ער קריגט א געלעגנהייט פאר געווינסן, טראכט ער בלויז פון זיין פליכט."

„דער העכערער טיפ מענטש זוכט אלץ, וואס ער וויל — אין זיך אליין."

אויף דער פראגע פון זיין תלמיד טצע-לו, אויב דער סופרא-מענטש פארערט נישט קיין קוראזש, ענטפערט דער גרויסער לערער:

„ער שטעלט אויפן ערשטן פלאן גערעכטיקייט. דער מענטש פון א הויכער מדרגה, וואס באזיצט קו-

די כינעזישע פילאָזאָפיע

ראַזש אָן גערעכטיקייט, איז אַ שטערונג פאַרן לאַנד: דער דורכשניטס־מענטש, וואָס באַזיצט קוראַזש אָן גערעכטיקייט, איז נישט מער ווי אַ באַנדיט".

טצע־קונג האָט קאָנפוציוס'ן געפרעגט:

„האָט דער דערהויבענער מענטש שנאה אין זיין האַרץ?"

און דער לערער האָט געענטפערט:

„ער האָט. ער האַסט די, וואָס שרייען אויס די חסרונות פון אַנדערע; ער האַסט די מענטשן, וואָס זייענדיק אויף אַ נידעריקער שטופע, זיינען מבטל די, וואָס זיינען העכער פון זיי; ער האַסט די, וועמעס מוט ווערט נישט באַגלייט פון זעלבסט־קאָנטראָל; ער האַסט די, וואָס זיינען געוואַגט, אָבער שמאָל־קעפּיק".

„און דו, טצע־קונג, האָט קאָנפוציוס צוריקגע־פרעגט, — האַסטו אויך דיינע שנאה'ס?"

„איך האָס, — האָט דער תלמיד געענטפערט, — די, וואָס דענקען, אַז חכמה באַשטייט אין נאָכ־קוקן יענעם און זיך צו יענעם אַריינמישן; איך האָס קוראַזש אָן ריקזיכט און די ערלעכקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין קריטיקירן אַנדערע".

א. אלמי

מ׳קאָן דאָ אפשר זען אַ ווידערשפּרוך צו קאָנ־
פּוציוס׳עם לערע פון גוטסקייט און מיטלייד מיט די
ליידנדע. דאָס איז האַס, וואָס די אורזאַך דערפון
זאָל נישט זיין. אויף אַן אַנדער אָרט אָבער שטרייכט
ער בולט׳ער אונטער, אַז „דער אמת׳ער חסרון איז
צו האָבן חסרונות און נישט זען זיי צו באַזייטיקן״.
דאָס הייסט: דער, וואָס באַזיצט שלעכטע אייגנ־
שאַפטן און באַמיט זיך זיי אויסצוואָרצלען פון זיך,
פאַרדינט סימפּאַטיע. געהאַסט דאַרף ווערן דער,
וואָס האַלט־אָן זיינע שלעכטע זיטן. טאָמער איז
דאָס נאָך וויניק, איז קאָנפוציוס מוסיף:

„דער, וואָס פאָדערט אַ סך פון זיך אַליין און
וויניק פון אַנדערע, ועט זיין פאַרזיכערט פון האַס״.
און דאָן —

„בלויז דער, וואָס באַזיצט אַבסאָלוטן אמת, וועט
קענען גרייכן דעם גרונט פון דעם געזעץ פון זיין עק־
זיסטענץ; דער, וואָס קאָן גרייכן דעם גרונט פון
דעם געזעץ פון זיין עקזיסטענץ, וועט אימשטאַנד
זיין צו גרייכן דעם גרונט פון דעם געזעץ פון אַנדע־
רע מענטשנס עקזיסטענץ; דער, וואָס קאָן גרייכן דעם
גרונט פון דעם געזעץ פון אַנדערע מענטשנס עק־

זיסטענץ, וועט אימשטאַנד זיין צו גרייכן דעם גרונט פון די געזעצן פון דער פיזישער נאַטור ; דער, וואָס איז אימשטאַנד צו גרייכן דעם גרונט פון די געזעצן פון דער פיזישער נאַטור, וועט אימשטאַנד זיין צו באַאיינפלוסן די כחות פון דעם וועלט־באַשאַף ; דער וואָס קאָן באַאיינפלוסן די כחות פון דעם וועלט־באַשאַף, באַזיצט די כחות פונם אוניווערס".

ווייטער זאָגט קאָנפוציוס :

„נאָך אַ באַדינג פון די כחות פון מענטשלעכן גייסט איז — צו גרייכן — די פאַרשטענדניש פון אַ באַשטימטן צווייג פון וויסן. אין יעדן באַשטימטן צווייג פון וויסן איז אמת. וואו ס'איז דאָ אמת, איז דאָ סובסטאַנץ, וואו ס'איז דאָ סובסטאַנץ, איז דאָ רעאַליטעט, וואו ס'איז דאָ רעאַליטעט, איז דאָ אינטעליגענץ. וואו ס'איז דאָ אינטעליגענץ, איז דאָ מאַכט, וואו ס'איז דאָ מאַכט, איז דאָ איינפלוס. וואו ס'איז דאָ איינפלוס, איז דאָ קרעאַטיווער כח.

„בלויז דער, וואָס באַזיצט אַבסאָלוטן אמת אין דער וועלט, קאָן באַשאַפן".

אמת איז, אַלזאָ, דער הערשנדער און שאַפנדער כח פון דער וועלט. דער מענטש דאַרף דערגרייכן

א. אלמי

אַבסאָלוטן אמת, כדי זיך אויפצוהויבן צו דער מדרגה פון דער העכסטער הויך, פון — — — גאָט ? קאָנ־פוציוס זאָגט נישט ג אָ ט . ער איז נישט קיין רע־ליגיאָנס־גרינדער, קיין נביא, קיין אַפּאָסטאָל. ווער עס וויל, קאָן אויפן אָרט פון אמת אַוועקשטעלן גאָט. און וואָס איז דען אַבסאָלוטער אמת, אויב נישט גאָט ? און וואָס איז גאָט, אויב נישט אַבסאָלוטער אמת ?

אויך לאַאָ־טצע'ס ט א אָ י ז ם איז נישט קיין רעליגיע אינם זינען ווי מיר זיינען דאָס געוואוינט צו פאַרשטיין, כאָטש וועגן לאַאָ־טצע'ס געבורט ווערן דערציילט איבערנאַטירלעכע וואונדער, ווי איבער בודאַ'ן און קריסטוס'ן. אַזוי איז אין דעם בוך „שאַן ה'סיען טשוואַנג" פון ק אָ ה ו נ ג פאַרשריבן, אַז לאַאָ־טצע'ס מוטער האָט זיך באַהאָפטן מיטן היי־ליקן גייסט און זי האָט דעם גרויסן לערער געטראָגן אין איר טראָכט 62 יאָר. ווען ער איז געבוירן געוואָרן, זיינען זיינע האָר געווען ווייס ווי שניי . . .

לעגענדעס דערציילן אויך, אַז טצע האָט גע־לעבט איבער 200 יאָר. דאָס אָרט, וואו ער איז

די כינעזישע פילאָזאָפיע

געשטאָרבן, איז נישט באַקאַנט. וועגן זיין בוך „טאַאָ טהע קינג", וואָס אַנטהאַלט זיין גאַנצע תורה, איז פאַראַן אַ לעגענדע, אַז בעת ער האָט פאַרלאָזן זיין אַלטן וואוין-פּלאַץ אין דער הויפּט-שטאָט פון דער פּראָווינץ טשאָו, האָט אים דער וועכטער ביים טויער פון שטאָט געבעטן ער זאָל פאַר אים אָנשרייבן אַ בוך מיט די עיקרים פון זיין לערע. לאַאָ-טצע האָט זיין וואונטש דערפילט און דערנאָך פאַרלאָזן די שטאָט.

דאָס וואָרט "טאַאָ" איז שווער איבערצוזעצן אין אַן אייראָפּעאישער שפּראַך, ווייל עס דריקט מיט זיך אויס פאַרשיידנאַרטיקע באַגריפן. עס ווערט, גע-וויינטלעך, איבערזעצט „דער וועג", אָבער טייל פאַר-שער זעצן עס איבער אין דריי טערמינען: „דער וועג, פאַרשטאַנד און דאָס וואָרט". צוליב דעם האָבן די ערשטע רוימיש-קאַטוילישע מיסיאָנערן אין כינע געגלויבט, אַז די „טאַאָ" אַנטהאַלט די קריסטלעכע אמונה פון דער דריי-איינקייט, און דער דייטשישער געלערנטער און מיסיאָנער מ א נ ט ו צ י האָט אין יאָר 1808 געשריבן: „אַ סך זאַכן וועגן אַ דרייאיינינקן גאָט זיינען דאָרט אַזוי קלאָר אויס-

א. אלמי

געדריקט, אַז קיינער, וועלכער האָט געלייענט דאָס דאָזיקע בוך („טאָאָ טהע קינג״) קאָן נישט צווייפּלען, אַז די מיסטעריע פון דער הייליקער דרייאייניקייט איז אַנטדעקט געוואָרן די כינעזער פינף הונדערט יאָר פאַר דער געבורט פון יעזוס קריסטוס׳ן״. אַזוי האָט אויך געגלויבט דער יעזואיטישער מיסיאָנער אַמאָי.

איבערהויפּט וויל מען דוקא זען אַ באַשטעטיקונג פאַר דעם געדאַנק פון דער דרייאייניקייט אין דער פאָלגענדער שטעלע פון „טאָאָ טהע קינג״ :

„סיבה האָט באַשאַפן איינס איינס האָט באַשאַפן צוויי. צוויי האָבן באַשאַפן דריי און דריי האָבן באַשאַפן אַלצדינג״.

דער געלערנטער אבעל רעמוזא איז געווען זיכער, אַז ער האָט אין „טאָאָ״ געפונען דריי פאָנעטישע אותיות, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דריי פון די פיר העברעאישע אותיות פון יהוה (יעהאָוואַ) אַנדערע געלערנטע האַלטן אָבער, אַז „טאָאָ״ מיינט נאַטור. סער ראָבערט דאָוגלאַס, אין זיין בוך „קאָנפוציאָניזם און טאָאָיזם״, ווייזט־אָן,

די כינעזישע פילאָזאָפיע

אַז קאָנפוציוס, וועלכער האָט זיך איינציקע מאָל באַגעגנט מיט לאַאָ-טצע, געברויכט דאָס וואָרט „טאַאָ“ אַלס „דער וועג“, און דערפאַר איז „דער וועג“ די זיכערסטע איבערזעצונג.

דער טייטש פונם וואָרט „טאַאָ“, אויף וועלכן לאַאָ-טצע'ס גאַנצע לערע איז געבויט, איז זייער וויכטיק בעת מען וויל באַשטימען דעם כאַראַקטער פון דעם בוך — אויב „טאַאָ“ איז אַ „געטלעכע אַנטפּלעקונג“ אָדער אַ לעבנס-פילאָזאָפיע. עס איז קלאָר, אַז אין דער „טאַאָ“ זיינען פאַראַן מער פילאָזאָפישע פרינציפּן ווי רעליגיעזע געבאָטן, כאָטש דער הינטערגרונט פון „טאַאָ“ איז מיסטיציזם.

לאַאָ-טצע האָט אויך געפּריידיקט ליבע, באַשיידנהייט און מיטלייד. „טאַאָ“, שרייבט סער ראָבערט דאָוגלאַס, איז מער ווי דער וועג. עס איז דער וועג און דער וועג-גייער. עס איז דער אייביקער וועג; אויף אים גייען אַלע בעשעפעניש און זאַכן; אָבער קיין באַשעפעניש האָט אים (דעם וועג) נישט געמאַכט, ווייל עס איז דער באַשאַף אַליין. עס איז אַלץ און עס איז גאָרנישט, און

א. אלמי

די סיבה און דער עפעקט פון אַלץ. אַלץ קומט פון „טאַאָ", וואַרפט זיך אונטער צו טאַאָ און צו טאַאָ גייט עס ענדלעך צוריק.

לאַאָ-טצע'ס וועלט-אַנשויאונג איז געווען וואָס מיר רופן אָן אַ פאַנטעאיסטיש. ער זאָגט : „די־דאָזיקע צוויי זאַכן, די גייסטיקע און די מאַטעריע־לע, כאָטש אָנגערופן מיט פאַרשיידענע נעמען, זיי־נען אין זייער תוך איינס און דאָסזעלבע. דידאָ־זיקע איינסקייט איז אַ מיסטעריע — די מיסטעריע פון מיסטעריעס". „די וועלט — זאָגט ער ווייטער — האָט אָן ערשטע סיבה, וועלכע קאָן באַטראַכט ווערן ווי די מוטער פון דער וועלט".

אין לאַאָ-טצע'ס לערע געפינט זיך אַ געוויסע ענלעכקייט צו דער פון אַלט-גריכישן פילאָזאָף פּי־טאַגאָרוס און אויך צו די אינדישע און אַלט־יידישע עטישע סיסטעמען, איבערהויפּט אין לאַאָ־טצע'ס באַטראַכטן די ערדישע וועלט ווי אַ „פּרוזדור" און דאָס ערדישע לעבן ווי אַ פאָרבארייטונג צום העכערן לעבן, וואָס הויבט זיך אָן אויף יענער זייט קבר. אין אָט דעם פונקט איז פאַקטיש דער אייגנט־לעכער אונטערשייד צווישן די מאָראַליש-עטישע לע־

די כינעזישע פילאָזאָפיע

רעם פון קאָנפוציוס און לאַאָ-טצע. דער ערשטער וויל דעם מענטש דערהויבן צו דער העכסטער פאָל-קאָמענהייט ווי אַ צוועק פאַר זיך, פאַר דעם מענטש אַליין; לאַאָ-טצע וויל דעם מענטש — דורך זיין דערהויבנוג — פאַרבאַרייטן צום העכערן — גייס-טיקן — לעבן אין די מיסטישע ראַיאָנען פון טאַאָ. דער לעצטער ברענגט דערפאַר כסדר ראיות פון הימל אין זיין ווענדונג צו די מענטשן. ער הייסט זיי אַלעמאָל לערנען אַ ביישפיל פון א ו י ב ן :

„דער שטייגער פון הימל איז — זאָגט ער — אוועקצונעמען פון די, וואָס האָבן צופיל און געבן די, וואָס האָבן צו-ווייניק. דער שטייגער פון מענטש איז נישט אַזוי. ער נעמט אוועק פון די, וואָס האָבן צו ווייניק און זעצט עס צו צו זיין אייגענעם איבערפלוס".

אָבער אויפצוועקן דאָס העכערע, דאָס אומ-מיטלבאַר-גוטע אינם מענטשן און דידאַזיקע גוטע מידות צו מאַכן פאַר די לייטנדע פּרינציפּן פון דער מענטשהייט איז געוואָרן דער עיקר-צוועק פון לאַאָ-טצע, ווי פון די אַנדערע כינעזישע חכמים און פי-

א. אלמי

לאָזאָפן. לאַאָ־טצע׳ס וועג צו דער מענטשלעכער דערהויבונג איז בלויז פאַרהילט אין די מעטאַפּי־זישע נעפּלען פון טאַאָ.

וואָס איז די נשמה, דער כאַראַקטער פון טאַאָ? אָט וואָס דער באַשאַפער פון דעמדאָזיקן מיסטישן טערמין זאָגט אין זיין בוך „טאַאָ טהע קינג״:

די כחות אַל, — אי פינצטערניש, אי שטראַל —
פון טאַאָ קומען — דער איין־איינציק קוואַל.
דעם שורש טאַאָ׳ס האָט נאָך קיינער נישט געקענט
מיט זיינע אויגן זען, באַרירן מיט די הענט.

דער, וואָס קאָן די טאַאָ, קימערט זיך נישט צו ריידן וועגן דעם; דער, וואָס איז שטענדיק גרייט צו ריידן וועגן דעם, קאָן נישט די טאַאָ.

די, וואָס קענען די טאַאָ, זיינען נישט פיל גע־לערנט; די פיל־געלערנטע קענען זי נישט.

די טאַאָ, וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערן אין ווערטער, איז נישט די אייביקע טאַאָ; דער נאָ־מען, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן, איז נישט דער איי־

די כינעזישע פילאָזאָפיע

ביקער נאָמען ; אָן אַ נאָמען — איז עס דער אָנהויב פון הימל און ערד ; מיט אַ נאָמען — איז עס די מוטער פון אַלע זאַכן.

דער שייכות פון טאַאָ צו דער גאָרער וועלט איז ווי דער פון די גרויסע טייכן און ים'ען צו די שטראָמען פון די טאָלן.

בלויז איינער, וואָס איז אייביק פריי פון ערדישע ליידנשאַפטן, קאָן תופס-זיין טאַאָ'ס ספּיריטועלן עסענץ ; דער, וואָס איז ווען עס איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון ליידנשאַפטן, קאָן זען בלויז טאַאָ'ס אויסערלעכע פאָרם.

די צוויי זאַכן, גייסט און מאַטעריע, זיינען אין זייער שורש, כאָטש מיר רופן זיי מיט פאַרשיידענע נעמען, איינס און דאָסזעלבע. דידאָזיקע איינסקייט איז אַ מיסטעריע — די מיסטעריע פון מיסטעריעס. דאָס איז דאָס טויער פון דער גאָרער ספּיריטואַליטעט.

א. אלמי

טאָ איז אומזיכטבאַר און ווערט דערפאַר גערופן „פאַרבלאָז“.

טאָ איז אומהערבאַר און ווערט דערפאַר גע־רופן „קלאַנגלאָז“.

טאָ קאָן נישט אָנגערירט ווערן און ווערט דער־פאַר גערופן „אומטאַפּבאַר“.

די דאָזיקע דריי אייגנשאַפטן קאָן מען נישט משיג־זיין און דאָך קענען זיי האַרמאָניש פאַראייניקט ווערן.

די העכסטע מאַניפעסטאַציעס פון אַקטיווער קראַפט פליסן בלויז פון טאָ.

טאָ איז אין עצם אומבאַשטימט, אומפיל־באַר — ווי אומפילבאַר! ווי אומבאַשטימט! דאָך איז דערין פאַראַן סובסטאַנץ. ווי טיף, ווי טונקל! דאָך איז דערין אַ וויטאַלער פּרינציפּ. דערדאָזיקער פּרינציפּ איז דער קווינטעסענץ פון רעאַליטעט, און דערפון קומט אַרויס דער אמת.

די אויבערשטע טייל (פון טאָ) איז נישט העל און די אונטערשטע טייל איז נישט טונקל.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

אומאויפהערלעך אין טעטיקייט, קאָן עס נישט אָנגערופן ווערן מיט אַ נאָמען, אָבער עס קומט צו־ריק צו גאָרנישט.

מיר מעגן עס רופן די פאָרם פון דעם פאָרמלאָזן ; דאָס געשטאַלט פון דעם געשטאַלטלאָזן.

דער מענטש נעמט זיין געזעץ פון דער ערד ; די ערד נעמט איר געזעץ פון הימל ; דער הימל נעמט זיין געזעץ פון טאַאָ ; אָבער דאָס געזעץ פון טאַאָ איז איר אייגענע ספּאָנטאַניטעט.

אין דידאַקטישע פּונקטן הויפּטזאַכלעך דריקט זיך אויס דער מיסטיציזם לאַאָ־טצע׳ס, די גרונט־געדאַנקען פון טאַאָ ; צוריקקומענדיק צום מענטש, פירט לאַאָ־טצע אַרויס אידעען, וואָס טרעפן זיך צונויף אין פיל פּרטים מיט די פון קאָנפוציוס׳ן און פון מאָראַל־פילאָזאָפן ביי אַנדערע פעלקער.

למשל :

„ווער עס איז גובר אַנדערע, איז שטאַרק, אָבער ווער עס איז גובר זיך אַליין, איז נאָך שטאַרקער" (פאַרגלייך : איזהו גבור הכובש את יצרו).

א. אלמי

„רייך איז דער, וואָס ווייס ווען עס איז גע־נוג“ (פאַרגלייך: אזיהו עשיר השמח בחלקו).

ווייטער זאָגט לאָאָ־טצע:

„אַלע זאַכן אין דער נאַטור אַרבעטן שטיל. זיי קומען שטיל צום לעבן און באַזיצן גאָרנישט. זיי דערפילן זייערע פונקציעס און האָבן נישט קיין תביעות“.

שטילקייט, שווייגן, בכלל אַ קאַרגשאַפט אין רייד — דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די מערסטע דענקער און רעליגיאָנס־גרינדער פון כינע און אינ־דיע. דער פאַרלאַנג נישט צו רעדן, פאַרזונקען צו ווערן אין שווייגן, ווערט אייניקע מאָל אויסגעדריקט ביי קאָנפוציס׳ן, ווי כ׳האָב עס פריער אָנגעוויזן, און אויך ביי בודא׳ן.

און שווייגן לערנען זיי אויך אַנדערע. די נאַ־טור דערפילט אירע פליכטן אָן רייד, אָן ווערטער, און דער מענטש דאַרף זיך לערנען ביי דער נאַטור. „אין דער שטילקייט איז גאָט“ . . .

נאָך עפּעס דאַרף זיך דער מענטש לערנען ביי דער נאַטור: נישט צו באַזיצן, נישט אָנצוקלייבן קיין רייכטום.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

„ווער עס שטאָלצירט מיט זיין רייכטום און כבוד, טרייבט אונטער זיין אייגענע ירידה" — זאָגט לאָאָ-טצע.

אויך לאָאָ-טצע גלויבט אין פּערזענלעכן ביי-שפּיל:

„דער גוטער מענטש איז דעם שלעכטן מענטשס לערער; דער שלעכטער מענטש איז דאָס מאַטע-ריאַל, אויף וועלכן דער גוטער מענטש אַרבעט. אויב איינער שעצט נישט זיין לערער און דער אַנדערער האָט נישט ליב זיין מאַטעריאַל, דאַן מוזן ביידע, טראָץ זייער קלוגשאַפט, ווייט פאַרבלאָנדזשען. דאָס איז אַ מיסטעריע פון גרויס וויכטיקייט"

אינטערעסאַנט — און שיין — זיינען די פאָל-גענדע געדאַנקען לאָאָ-טצע'ס וועגן מענטשן, פירונ-גען און מעשים:

גוטע ווערטער וועלען דיר געווינען כבוד אויפן מאַרק-פּלאַץ, אָבער גוטע מעשים וועלן דיר געווינען פריינד צווישן מענטשן.

צו די גוטע וועל איך זיין גוט; צו די שלעכ-טע וועל איך אויך זיין גוט, כדי זיי צו מאַכן גוט.

א. אלמי

די שווערע זאַכן פון אונזער וועלט האָבן אַמאָל געמוזט זיין גרינג; די גרויסע זאַכן פון אונזער וועלט האָבן אַמאָל געמוזט זיין קליין. נעם זיך צו שווערע זאַכן, בעת זיי זיינען נאָך לייכט; טו גרויסע זאַכן בעת זיי זיינען נאָך קליין.

אמת'ע ווערטער זיינען נישט פיין; פיינע ווערטער זיינען נישט אמת.

פון אַ סך רייד רינט אַרויס די חכמה; עס איז בעסער צו פרעזערווירן אַ געדאַנק.

דער חכם פאַרנעמט זיך מיט דעם אינער-לעכן און נישט מיטן אויסערלעכן; ער מיידט אויס דאָס אָביעקטיווע און האַלט זיך ביים סוביעקטיוון.

דער, וואָס האָט נישט קיין צוטרוי צו אַנדערע, וועט נישט קריגן קיין צוטרוי צו זיך.

איך האָב דאָ אַפאָריזמענאַרטיק איבערגעגעבן בלויז אַ קליינעם טייל פון לאַאָ-טצע'ס בוך „טאַאָ

טהע קינג", כדי אַרויסצוברענגען דעם גרונט-טאָן פון לאַאָ-טסע'ס באַציאונג צו מענטש און צו גאָט. איך האָב בלויז געגעבן אַן אָנונג, וואָרים כדי צו קריגן אַ פולע פאָרשטעלונג פון טאַאָיזם, וואָלט מען געדאַרפט דאָס גאַנצע גרויסע בוך („טאַאָ טהע קינג") איבערזעצן און — מיט אַן אַ צאָל פּירושים.

וואָס איך האָב הויפּטזאַכלעך געוואָלט אַרויס-ברענגען איז, אַז די כינעזער האָבן נישט קיין רע-ליגיע — אינם זינען ווי מיר פאַרשטייען דאָס — נאָר פילאָזאָפיעס, און אַז אויך דער גרעסטער כי-נעזישער מיסטיקער, ווי לאַאָ-טסע ווערט באַטראַכט, איז נענטער צו דער ערד, ווי צום הימל; צום מענטש, ווי צו גאָט.

אמת, נישט דער טאַאָיזם און נישט דער קאָנ-פוציאַניזם זיינען איצט דאָס אייגענע, וואָס לאַאָ-טסע און קאָנפוציוס האָבן געלערנט. ביידע לע-רעס זיינען פאַרמישט געוואָרן מיט געצנדינסט און אַלערליי אַבערגלויבנס און צערעמאָניעס ביים פּראָסטן פאָלק. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז די פּרינציפּן פון דידאַזיקע צוויי גרעסטע כינעזישע לע-רערס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פאַר-

מירונג פון דעם כינעזישן כאַראַקטער. די פריד־לעבקייט, אַרבעטסזאַמקייט, באַשיידנקייט און צו־ריקצויגנקייט פון די כינעזער (מידה׳ס, וואָס זיינען אינם ליכט פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע מיט איר מיליטאַריזם, גרויסע חסרונות . . .), וואָרצלען אין די פילאָזאָפיעס פון לאַאָ־טצע, קאָנפוציוס און פון די אַנדערע כינעזישע פילאָזאָפן.

אַלע עטיש־מאָראַלישע לערעס, ווי אַלע רעלי־גיעס, קומען זיך צונויף אין זייערע גרונט־געדאַנקען, ווי איך האָב דאָס פריער אנגעדייט. ווי דאָס לעבן שפּראָצט אומעטום אַרויס פון דערזעלבער ערשטער סיבה, שפּראָצט אויך אומעטום אַרויס דער אמת פון ע נ ל ע כ ע לעבנס־באַדינגונגען. ווער איז געווען דער ערשטער ? עס איז נישט געווען קיין ער־שטער. עס זיינען געווען אַ סך „ערשטע" אין פאַר־שיידענע טיילן פון דער וועלט, אָפט נישט וויסנדיק איינע פון די אַנדערע.

„גאָרנישט קאָן זיין אַזוי נאַטירלעך און איינ־פאַך, — זאָגט קאָנפוציוס, — ווי די מאָראַל־פּרינ־ציפּן, וואָס איך וויל פאַרשפּרייטן. אויך איז גאָר־

נישט ניי אין מיין לערע. מיינע עיקרים זיינען בלויז דער סך־הכל פון די דערפאַרונגען פון די אַלטע חכמים. די פרינציפּן, לויט וועלכע דידאַקטיק פאַר־צייטישע געזעצגעבער האָבן אָנגעפירט זייער אַקטי־וויטעט און וועלכע זיינען פון זיי אַלע גלייך אויפ־גענומען געוואָרן, זיינען לייכט באַגריפן געוואָרן און קענען רעדוצירט ווערן צו די פאָלגנדע דריי געזעצן: די, וואָס רעגולירן די באַציאונגען צווישן דעם הער־שער און דעם אונטערטאַן, צווישן עלטערן און קינ־דער און צווישן דעם מאַן או דער פרוי.

„אָבער חוץ דידאַזיקע פונדאַמענטאַלע געזעצן, נאָר וועלכע זיינען אַ טייל פון זיי, שטייען אָט די פינף קאַרדינאַלע מעלות: די ערשטע פון זיי איז *הומאַניטעט*, וועלכע דאַרף מיט זיך אויס־דריקן אוניווערסאַלע סימפּאַטיע צווישן מענטש און מענטש, אָן אונטערשייד צווישן קלאַס אָדער ראַ־סע; *גערעכטיקייט*, וועלכע גיט יעדן מיטגליד פון דער געמיינדע זיין פליכט, אָן פאַוואָ־ריטיזם; *האַרמאָנישקייט*, אין די פאָר־געשריבענע רעכט און עטאַבלירטע זיטן, אַזוי אַז יעדער יחיד זאָל קענען האָבן אַ פּאַרטיקן לעבנס־

א. אלמי

מאָדוס, און אימשטאַנד זיין זיך צו באַטייליקן אין די פּריווילעגיעס, אַזוי גוט ווי אין די אומבאַקוועמ־לעכקייטן, פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער לעבט; ע ר ל ע כ ק י י ט , אין וועלכער עס פאַראייניקט זיך די ליבע און די שטרעבונג צום אמת ווי אַ זעלבסטצוועק; אָ ו י פ ר י כ ט י ־ ק י י ט , אין ריידן אָדער אין האַנדלונג".

אַלזאָ, די פונדאַמענטן פון אמת זיינען פון איי־ביק־אָן. נישט קאָנפוציוס און נישט לאַאָ־טצע, נישט מענציוס און קואַן יו־וואו, נישט יו טצע און נישט טצע־אַן און נישט די אַנדערע כינעזישע פילאָזאָפן און לערער פון יענער בליענדיקער עפּאָכע אין דער כינעזישער פילאָזאָפיע (אַרום 600-500 יאָר פאַר קריסטוס'ן) האָבן זיך ניט באַטראַכט ווי אַנטדעקער פון נייע אמת'ן נאָר ווי פאָרטפּלאַנצער פון אַלטע אמת'ן, און זיי האָבן אַלע גערעדט מיט דער גרעס־טער פאַרערונג און באַגייסטערונג פון די חכמים און לערער פאַר זיי. דאָ ווירקט אויך די מידה פון באַ־שיידנקייט, וואָס איז אַזוי אייגן דעם כינעזישן כאַ־ראַקטער.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

אַז מ'רעדט וועגן קאָנפוציאָניזם און טאָאיזם, מוז מען זיך באַזונדער אָפּשטעלן אויף דער ראָל, וואָס דער בודיזם האָט געשפּילט — און שפּילט — אין כינע. דער בודיזם איז פון אינדיע אַריבערגעבראַכט געוואָרן קיין כינע אַרום יאָר 65 נ. ק. דורך אַ מיסיע פון כינעזישע באַאַמטע, אָנגעפירט פון אַ פּרינץ, וועלכער איז באַאויפטראָגט געוואָרן פון קייזער „צו זוכן ביכער און לערעס פון אמת". אָבער כאָטש דער בודיזם האָט אין אָנהויב פאַרכאַפּט גאַנץ כינע, ווערט ער נאָך ביזן היינטיקן טאָג דאָרט באַטראַכט ווי אַן „אויסלענדישע רעליגיע", וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ גוטער באַווייז ווי ווייט דער כינעזישער גייסט איז פון אמת'ער דאָגמאַטישער רעליגיע. נאָר דער בודיזם איז איצט אין כינע שטאַרק אָפּגעשוואַכט. פיל בודיסטישע טעמפּלען ליגן אין חורבות און בלויז אַלטע ווייבער קומען אַמאָל אַהין מתפלל זיין.

דער ל ע צ ט ע ר היסטאָרישער בודאַ*) ס י ד ה אַ ר ט אַ ג אָ ט אַ מ אַ האָט געלעבט אין

---

*) די בודיסטן גלויבן, אַז פון צייט צו צייט דערשיינט אויף דער ערד אַ בודאַ — אַ דערלייזער.

א. אלמי

דער אייגענער צייט וואָס לאַאָ-טצע און קאָנפוציוס. ער איז געבוירן געוואָרן אַרום יאָר 568 פ. ק. און וועגן זיין געבורט ווערן דערציילט וואונדער, וואָס זיינען ענלעך אויף די נסים פון יעזוס'עס געבורט.

אייגנטלאַך האָבן די אַנהענגער פון קאָנפוציוס'ן אָדער לאַאָ-טצע'ן נישט געהאַט קיין סך צו נעמען ביים בודיזם, וועמעס גרונט אידעען פאַלן אַזוי צו-זאַמען מיט די פון די צוויי גרויסע כינעזישע לע-רער; וואָס לאַאָ-טצע רופט „טאַאָ", איז ביי בו-דאַ'ן נירוואַנאַ — אין תוך דערזעלבער, איינ-ציקער וועג, נאָר אַנדערש אויסגעפלאַסטערט. וואָס איז דער עסענץ פון בודיזם? די וועלט איז אַן אילוזיע, דאָס לעבן איז בלויז אַ פאַזע פון אַן אומ-באַגרייפלעכער רייזע; און דער מענטש דאַרף דערפאַר נישט ווידמען זיין הארץ צו מאַטעריעלע זאַכן. דאָס איז דאָך כמעט דאָס אייגענע, וואָס לאַאָ-טצע זאָגט און דערדאָזיקער געדאַנק איז אויך נישט פרעמד דעם אייראָפּעאישן מענטש, וועלכער ווייס עס פון דעם אַלטן-גריכישן פילאָזאָף הערא ק-ליטוס, אָדער פון יידנטום; דער אונטערשייד צווישן לאַאָ-טצע און בודאַ איז אויף דעם פונקט דעם

די כינעזישע פילאָזאָפיע

ערשטנס איינסקייט, דער פּאַנטעאיזם, וואו גייסט און מאַטעריע זיינען אייינס-און-דאָסזעלבע, בעת ביי בודאַ׳ן איז דאָ אַ שאַרפע ליניע צווישן די צוויי טערמינען.

נירוואַנאַ און טאַאָ זיינען אויך ענלעך אין זייער אומקלאָרקייט, נאָר ווידער מיטן אונטערשייד, וואָס טאַאָ איז נישט קיין אויפלעזונג פון דעם יחיד׳ס זעלבסט אין דער קאָסמישער נשמה, ווי דאָס איז (די פילאָזאָפיש-טיפערע) נירוואַנאַ.

אַ פירער פון די בראַמינען, קוטאַדאַנטאַ, האָט געפרעגט בודאַ׳ן:

— דו גלויבסט, אַז וועזנס ווערן ווידערגעבוירן, אַז זיי וואַנדלען אין דער עוואָלוציע פון לעבן: דאָך לערנסטו, אַז זעלבסט-אויפלעזונג איז די העכסטע פרייד פון נירוואַנאַ.

אויף דעם האָט בודאַ געענטפערט:

— דו באַציסט זיך אויף דער נשמה. עס גייט-אָן ווידערגעבורט פון כאַראַקטער, אָבער נישט קיין איבערוואַנדלונג פון „איך“. די געדאַנקען-פאָרמען דערשיינען ווידער, אָבער עס איז נישטאָ קיין עגאָ-טראַנספאָרמירונג. בלויז דורך איינביל-

א. א ל מ י

דונג חלום'ן מענטשן, אַז זייערע נשמות זיינען זייער „איך". דיין האַרץ איז פאַרנומען מיט „איך". ביסט נייגעריק וועגן הימל, און דערפאַר קענסטו נישט משיג זיין די פרייד פון אמת און די אומשטערב־לעכקייט פון אמת. דער בודאַ איז נישט געקומען פריידיקן טויט, נאָר פריידיקן לעבן. און דו ווייסט נישט דעם כאַראַקטער פון לעבן און שטאַרבן.

— דערדאַזיקער קערפּער וועט ווערן אויפגע־לעזט, — האָט בודאַ ווייטער געזאָגט, — און קיין שום תפלות און קרבנות וועלן אים נישט ראַטע־ווען. דערפאַר זוך דו דאָס לעבן, וואָס איז אין גע־דאַנק, אין דער מחשבה. דאָרט, וואו דער „איך" איז, קאָן נישט זיין קיין אמת; ווען דער אמת קומט, פאַרשווינדט דער זעלבסט. זאָל דיין געדאַנק זיין אין אמת; פאַרשפּרייט דעם אמת; לייג דיין גאַנצן ווילן אַריין אין אים, ווייל אין אמת וועסטו לעבן אייביק. זעלבסט איז טויט און אמת איז אייביק. דאָס האַלטן זיך ביים „איך" איז כסדר'־דיק שטאַרבן, בעת האַלטן זיך מיטן אמת פירט צו נירוואַנאַ, וואָס איז אייביק לעבן.

קוטאַדאַנטאַ פרעגט אים דאַן:

די כינעזישע פילאָזאָפיע

— אָבער זאָג מיר, אויב עס איז נישטאָ קיין „איך“, ווי קאָן זיין אומשטערבלעכקייט ? און בודאָ ענטפערט :

— אונזער דענקען שטעלט זיך אָפּ, אָבער מחשבות בלייבן ; דאָס אורטיילן הערט אויף, אָבער דאָס וויסן פאַרבלייבט. עס איז אַזוי ווי איינער וויל בייינאַכט אָוועקשיקן ערגעץ אַ בריוו. ער צינדט אָן די לאָמפּ, נעמט טינט און פעדער און שרייבט אָן דעם בריוו. דאַן, ווען ער האָט שוין דאָס אָפּגעטאָן, פאַרלעשט ער די לאָמפּ. אָבער כאָטש ער האָט שוין געענדיקט שרייבן און די לאָמפּ איז אויסגעלאָשן, איז דער בריוו נאָך דאָרט פאַרבליבן. אַזוי הערט דאָס טראַכטן אויף און דאָס וויסן פאַרבלייבט : די אַקטיוויטעט פון מח שטעלט זיך אָפּ, אָבער די דערפאַרונגען און אַלע פרוכטן פון אונזערע האַנדלונגען בלייבן איבער.

אָבער — עס איז אַלץ נישט דער אינדיווידועלער „איך“. דער אינדיווידועלער עגאָ פאַרשמאָלצן אין — און מיטן — גאַנצן אוניווערס, מיט דעם גייסט פון קאָסמאָס. דאָס איז דער וויכטיקסטער אונטערשייד צווישן נירוואַנאַ און טאַאָ : לאַאָ-טצע

א. אלמי

פאַרלייקנט נישט דעם יחידישן „איך“. אדרבא, ער טיילט אים אַרוים און באַגלייט אים אויפן גאַנצן וועג פון טאַאָ.

דער בודיזם, אין זיין ריינער פאָרם, ווי געפּרייזדיקט פון גאַטאַמאַ בודאַ, איז אויך נישט קיין רעליגיע אינם אייגנטלעכן זינען פון וואָרט, נאָר אַן עטיש־מאָראַלישע פילאָזאָפיע. בודאַ אַליין איז כסדר ארויסגעטראָטן קעגן רעליגיעזע אבערגלויבנס און צערעמאָניאַלן. אַזוי ווערט אין די הייליקע בודיסטישע שריפטן איבערגעגעבן, אַז איינמאָל, ווען גאַטאַמאַ בודאַ האָט זיך אויף זיין וואַנדער אָפּגעשטעלט אין באַמבו־טאָל ביי ראַדזשאַגריהאַ, האָט ער באַמערקט ווי אַ דאָרטיקער איינוואוינער מיטן נאָמען סירגאַלאַ, האָט געצויגן זיינע הענט צו די פיר טיילן פון דער וועלט, אויך אַרויף צום הימל און אַראָפּ צו דער ערד. און בודאַ, וויסנדיק, אַז סירגאַלאַ טוט דאָס מחמת רעליגיעזן אבערגלויבן, כדי אַזוי־אַרום צו פאַרטרייבן שדים און רוחות פון זיין הויז, האָט אים געפרעגט:

— פאַרוואָס פאַרוועסטו די דאָזיקע צערעמאָניעם?

די כינעזישע פילאָזאָפיע

און סירגאַלאַ האָט געענטפערט:

— האַלטסטו עס פאַר נישט נאַטירלעך, אַז איך זאָל באַשיצן מיין הויז פון בייזע גייסטער?

בודאַ האָט געזאָגט:

— צערעמאָניעס וועלן נישט באַשיצן דיין הויז. דו מוזט עס באַוואַכן מיט גוטע מעשים.

ביי דער ערשטער באַגעגעניש בודאַ׳ס מיט דעם פריער־דערמאָנטן בראַמינען־פירער, קוטאַדאַנטאַ, אינם דאָרף דאַנאַמאַטי, האָט דער בראַמין געזאָגט צו בודאַ:

— דו צושטערסט די רעליגיע. דיינע תלמידים פאַרוואַרפן די רעליגיעזע ריטואַלן און אָנטזאָגן זיך צו ברענגען קרבנות צו די געטער; און דינען גאָט קאָן מען בלויז מיט תפלות און קרבנות. רעליגיע באַשטייט אין תפלה און קרבן.

און בודאַ האָט אים געענטפערט:

— גרעסער פון די אָקסן־קרבנות איז דער קרבן פון זיך זעלבסט. בלוט באַזיצט נישט קיין ריייני־קונגס־כח. בעסער ווי די תפלות צו די געטער איז גערעכטיקייט צו די מענטשן.

א. אלמי

אָבער מיטן בודיזם איז געשען דאָסזעלבע וואָס מיטן טאָאיזם און קאָנפוציאָניזם, וועלכע זיינען אינם לויף פון לאַנגע דורות פאַרמישט געוואָרן מיט געצנ־דינערישע צערעמאָניעס און ריטואַלן. בעת דער בו־דיזם איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן קיין כינע איז ער שוין געווען איינגעהילט אינם פּראַכט און מיס־טישער פילפאַרביקייט פון אָריענטאַלישער געצנ־דינסט. און דאָס האָט אפשר, חוץ די עטישע און מאָראַלישע דאָקטרינען פון בודאַ׳ס לערע, געלאָקט די פאַנטאַזיע פון די דאַמאָלסטדיקע כינעזישע הער־שער.

און דערמיט — מיט דעם פרעמדן, „אויסלענ־דישן" רייץ, האָט זיך דער בודיזם אַרויסגעזען אי־בער דעם טאָאיזם און קאָנפוציאָניזם ; נאָר נישט אויף תמיד. אין גאַנג פון די דורות איז די גלאָ־ריע פון בודיזם אין כינע אָפּגעבליאַקט געוואָרן. וואָס עס איז פון בודיזם דאָרט פאַרבליבן, איז דאָס ריין־אַבסטראַקטע, דער עטישער מהות, די עיקרים, וואָס זיינען, ווי אָנגעוויזן, אַזוי ענלעך צו די פון לאָאָ־טצע, קאָנפוציוס, מענציוס און די אַנדערע כי־נעזישע לערערס.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

אין כינע זיינען אויך פאַראַן מיליאָנען מאַכמע־דאַנער, איבערהויפּט אין צפון און אין צפון־מערב׳־דיקן טייל פון דער ריזיקער אימפּעריע, וואוהין דער איסלאַם איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון פּערסיע און טורקעסטאַן; אויך קריסטן זיינען דאָרט פאַ־ראַן. נאָר וואָס פאַר אַ באַדייט האָבן דידאָזיקע געציילטע מיליאָנען ביי אַ גראַנדיעז פאָלק פון אי־בער פיר הונדערט מיליאָן? זיי זעען זיך ממש נישט אָן.

ס׳איז דערביי כדאי צו באַמערקן, אַז צווישן די אָנהענגער פון די פאַרשיידענע רעליגיעס הערשט אַ טאָלעראַנטע, העכסט־פריידלעכע באַציאונג, און אויך דער רעגירונג אַרט נישט — און ס׳האָט זי קיינ־מאָל נישט געאַרט — אין וואָס און ווי איינער גלויבט. גאָרנישט ווי אין די קריסטלעכע לענדער! אויך אין דערדאָזיקער הינזיכט ווייזט זיך קלאָר אַרויס דער פילאָזאָפיש־דיסציפּלינירטער כאַראַקטער פון דעם גרויסן כינעזישן פאָלק.

די כינעזישע פּאָעזיע

ווי די פילאָסאָפיע, אַזוי אויך די פּאָעזיע פון גרויסן כינעזישן פאָלק איז נישט פאַר יחידי־סגולה, נאָר פאַר אַלעמען. די פילאָזאָפיע און פּאָעזיע, וואָס זיינען ביי די כינעזער אַזוי ענלעך איינע צו די אַנדערע, אין דער איינפאַקייט פון דער שפּראַך, אין זייערע מעטאָדן, אין זייער שטייגער און לעבנס־באַנעם, זיינען דעם כינעזער׳ס טאָג־טעגלעך ברויט. דער פּאָעט איז אין כינע דאָס, וואָס ביי אַנדערע פעלקער אַ הייליקער. ער איז אין גדעכעניש פון קינד און קייט און אַרום זיין קאָפּ לייכט אייביק דער אָרעאָל פון ליבע, רעספּעקט און לעגענדע.

מאַדאַם פּלאָרענס אייסקאָו, אַ מיטגליד פון דער ענגלישער קעניגלעך־אַזיאַטישער געזעלשאַפט, וועלכע איז געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן אין שאַנכאַי און קאָן דורך און דורך דאָס כינעזישע פאָלק, זיין שפּראַך, קולטור און לעבן,

די כינעזישע פילאָזאָפיע

שרייבט, אַז ל י ט א י - פ אָ , וואָס איז אָנגע־נומען פאַר דעם גרעסטן כינעזישן דיכטער, באַ־הערשט ביזן היינטיקן טאָג די הערצער און מחות פון די כינעזער, כאָטש צווישן אים און דער קעגנ־וואַרט שטייען איבער צוועלף הונדערט יאָר. זיין אָנדענק און רום איז נאָך פריש ביי אַלעמען און זיינע לידער ווערן אומעטום רעציטירט ; זיין פּער־זענלעכקייט, זיין לעבן, זיינע פריידן און ליידן זיי־נען נאָענט דעם כינעזישן האַרץ און ער ווערט כסדר פאָרגעשטעלט אויף דער בינע, געמאָלן פון מאַלערס און באַזונגען פון די דיכטער אין יעדן דור. עס איז פאַקטיש נישט פאַראַן קיין איין מענטש אין כינע, וואָס וויים נישט דעם נאָמען לי טאי־פּאָ.

אָט אַזוי פאַרהערלעכן די כינעזער אויך די אַנ־דערע גרויסע כינעזישע דיכטער. „ס'איז נאָך קיינ־מאָל נישט געווען אַ פאָלק, — שרייבט מאַדאַם איים־קאָו, — אין וועמעס לעבן פּאָעזיע האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל, ווי אין דעם לעבן פון די כינע־זער". סאָמערסעט מאָהעם, וועמען איך האָב דער־מאָנט אין דער אָפּהאַנדלונג איבער דער כינעזישער פילאָזאָפיע, גיט איבער אַ באַמערקונג, וואָס דער

א. אלמי

כינעזישער פילאָזאָף, מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט אין כינע, האָט געמאַכט וועגן דער ראָל פון פּאָעזיע אין יענעם וואונדערלעכן לאַנד: „ווען כינע איז נאָך געווען אַן אומציוויליזירט לאַנד, — האָט דער פילאָזאָף געזאָגט, — האָבן אַלע געבילדעטע לייט געקענט שרייבן פערזן, יעדנפאַלס געשריבן מיט עלעגאַנץ". עס איז געווען אַ צייט, ווען יעדער כינעזער, וואָס האָט געוואָלט באַקומען אַ רעגירונגס־אַמט אָדער אַ שטאָטישע שטעלע, האָט געמוזט אָפּגעבן עקזאַמען, וואו דער וויכטיקסטער קעגנשטאַנד איז געווען די קענטשאַפט צו שרייבן פערזן . . . איינער האָט נישט געקענט ווערן בירגערמייסטער פון אַ שטאָט אָדער גובערנאַטאָר פון אַ פּראָווינץ, סיידן ער האָט געקענט באַווייזן אַ גוטע גענימשאַפט אין פּאָעזיע, אין רעציטירן די קלאַסישע דיכטער און אין אַליין שרייבן. איבערהויפּט איז דאָס אַזוי געווען בעת דער הערשאַפט פון מינג־הואנג, פון דער ט'אנג־דינאַסטיע (712-756 נ. ק.), וועלכער האָט מקרב געווען די דיכטער און פילאָזאָפן פון זיין צייט און זיי דערמוטיקט.

אין דער צייט פון דער ט'אנג־דינאַסטיע, וועל־

די כינעזישע פילאָזאָפיע

כע ווערט אָנגערופן „די גאָלדענע עפּאָכע פון כינע־זישער געלערנטזאַמקייט“, האָבן דאָס געלעבט די דריי גרעסטע דיכטער לי טאַי־פּאָ, טו־פו און פּאָ טשו־אי.

דער קייזער מינג־הואַנג, וואָס האָט זיך איבער־הויפּט אויסגעצייכנט מיט זיין ליבע צו דיכטער און פילאָזאָפן, איז געווען אַן מין כינעזישער שלמה־המלך און דער וויכטיקסטער צווייג פון דער ט'אַנג דינאַסטיע. ער האָט געהערשט פינף און פערציק יאָר און ער איז שפּעטער אַליין געוואָרן אַ טעמע פאַר דיכטער, מאַלערס און דראַמען־שרייבער, וואָ־רים זייער טראַגיש האָט זיך געענדיקט זיין ממשלה: ער האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער י א נ ג קוּ אי־פּ ע י, וועלכע האָט אים פעסט גענומען אין אירע הענט אַריין און געוואָרן די פּאַקטישע הער־שערין איבער דער אימפּעריע. דער קייזער, מער פילאָזאָף און דיכטער ווי הערשער־נאַטור, האָט זיך לייכט געבויגן פאַר איר ווילן, און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן צו ווערן אומצופרידן.

צום סוף האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלט. און כאָטש די רעוואָלוציע איז אונטערדריקט געוואָרן,

א. אלמי

האָט זיך אָבער דאָס מיליטער אָפּגעזאָגט ווייטער צו פּאַרטיידיקן זייער אימפּעראַטאָר, ביז ער וועט נישט אַרויסגעבן אַ דעקרעט צו טויטן זיין געליבטע יאַנג קוואַי־פעי, וועלכע זיי האָבן באַשולדיקט אין אַלע צרות. דער קעניג האָט זיך געמוזט אונטערגעבן און געשיקט זיין געליבטע צום טויט. נאָר זינט יענעם מאָמענט איז ער שרעקלעך צובראָכן געוואָרן און דער גלאַנץ האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיין דינאַסטיע, ביז זי איז אינגאַנצן געפאַלן.

אַ כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל אויף ווי ווייט פּאָעזיע איז אַלעמאָל פאַרערט געוואָרן אין כינע קאָן מען זען אין דער דערהויבונג פון דעם פּאָעט ט ש ו ק וו א נ ג ־ ה י , וועלכער איז געווען אַ פּשוט'ער סאָלדאַט אין דער אַרמיי, אונטער דער הערשאַפט פון קייזער ה ' ס י ע ן ־ ט ס אַ נ ג . קוואַנג־הי'ס פּאָעטישער טאַלאַנט האָט געצויגן דעם קייזער'ס אויפמערקזאַמקייט און דער דיכטער איז דערהויבן געוואָרן צו אַ הויכן אַמט אין קייזערלעכן הויף — נישט פאַר זיין אויסצייכנונג אין דער אַרמיי, נאָר אין דער פּאָעזיע.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

די כינעזישע פּאָעזיע, וועלכע איז שוין געוועןא פאַקט — אויף וויפל דאָס איז באַקאַנט — מיט 2000 יאָר פאַר קריסטוס'ן, דאָס הייסט, מיט א פיר טויזנט יאָר צוריק, איז רייך און גרויס ווי קיין פּאָעזיע אין דער וועלט; אָבער זייער אַ קלײנער טייל פון דערדאָזיקער דיכטונג קאָן ריכטיק איבערזעצט ווערן אין אַן אייראָפּעאישער שפּראַך, און דאָס איז איבערהויפּט צוליב דעם אַבסאָלוט אַנדערשדיקן כאַראַקטער כינע'ס פון אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט. די טאָפּאָגראַפיע, די אַרכיטעקטור, די פאַונאַ און פלאָראַ, שוין נישט צו ריידן פון די סאָציאַלע זיטן און באַגריפן, זיינען אַזוי אַנדערש און אַזוי פרעמד דעם אייראָפּעער, אַז עס וואָלט צו די מערסטע פון די לידער און פּאָעמען געמוזט צוגעגעבן ווערן אַ פּירוש אויף הונדערטער זייטן, כדי פאַרן אייראָפּעער קלאָר צו מאַכן וואָס אין זיי רעדט זיך.

דער כינעזישער דיכטער זינגט מערסטנס וועגן דעם אַרומיקן, דעם נאָענטן, טאָג־טעגלעכן; די אַלטעגלעכע עסקים, וואו אין מיטלפּונקט שטייט — ווי אין דער כינעזישער פילאָזאָפיע — דער מענטש;

א. אלמי

אָבער דורך דאָס טעג־טעגלעכע, געוויינטלעכע, אין איינפאַכע ווערטער, נאָר אויף אַ גאַלאַנטן אופן, דערהויבט ער זיך, ווי אַן אָדלער, צו די ווייסע בערגשפּיצן פון אייביקע צווייפלען און אוניווערסאַלע פּראָבלעמען, אָדער לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה. אויסערלעך שטורעמט קיינמאָל נישט אויף דעם ים פון דער כינעזישער פּאָעזיע. די כוואַליעס שווימען רואיק איינע איבער די אַנדערע, באַלויכטן פון דער שמייכלענדיקער זון. נישט ביי טרויער, נישט ביי פרייד און נישט ביי צאָרן ברויזן־אויף די גרונטן פונם ים. אייביק רואיק, אייביק גלאַט פון אויבן; פרייד טרויער, צאָרן, פעסימיזם זיינען באַהאַלטן, טיף פאַרבאָרגן אינווייניק, אין די ווערטער, אינם גאַנצן שטייגער פון דעם דערציילן, פון דעם זינגען, פון דעם פערז־געבוי.

אָט דאָס — די אויסערלעכע רו — איז אין איינקלאַנג מיטן גאַנצן כינעזישן כאַראַקטער. סער ראָבערט האַרט באַמערקט אין זיין בוך „די מזרח־פראַגע“ וועגן די כינעזער: זיי זיינען זיטלעך, געזעץ־היטער, אינטעליגענט, עקאָנאָמיש

און אינדוסטריעל ; זיי קענען אַלץ אויסלערנען און אַלץ טאָן ; זיי זיינען אויסערגעוויינטלעך העפלעך ; זיי פאַרגעטערן טאַלאַנט און זיי גלויבן אין גערעכטיקייט אַזוי שטאַרק, אַז זיי קענען זיך אפילו נישט פאָרשטעלן אַז ס׳איז נויטיק צו שטיצן אָדער אַריפּצווינגען רעכט דורך מאַכט״. אַט די אַלע גוטע מידות שפּיגלען זיך אָפּ אין זייער פּאָעזיע. איך וואָלט געזאָגט, אַז זייער פּאָעזיע איז אַ העפלעכע פּאָעזיע — העפלעך נישט נאָר צום מענטש, נאָר אויך צו גאָט, צו די כחות פון דער נאַטור . . . וואָרים ס׳מאַכט דעם איינדרוק, לייענענדיק די כינעזישע דיכטונג, ווי דער דיכטער וואָלט זיך געהיטן אויסצושרייען פון צאָרן אָדער ווייטיק — ווייל ס׳איז נישט העפלעך. דערפאַר איז די כינעזישע פּאָעזיע אויסערלעך רואיק, אָבער די אויסגעשרייען זיינען דאָ, באַהאַלטן אונטער די רואיקע כוואַליעס פון די שייןגעטאַקטע, עלעגאַנטע ווערטער.

און ס׳איז נישט נאָר די העפלעכקייט. ס׳איז אויך — און אפשר דער עיקר — דיסציפּלין. קיין פאָלק האָט נישט דערגרייכט אַזאַ שטופע פון דיסציפּלין, ווי דאָס כינעזישע. אין דער פילאָזאָפיע לייגן

קאָנפוציוס, לאָא־טצע, מענציוס און אַנדערע אַ סך געוויכט אויף דער דיסציפּלין פון כאַראַקטער, פון ווילן, פון גאַנצן לעבן. ס'איז אפשר איבערגענו־מען פון די אינדיער, וואו דיסציפּלין איז אַ קולט, איבערהויפּט ביי די י אָ ג י ס , ביי וועלכע די דיס־ציפּלינירונג פון כאַראַקטער האָט דערגרייכט אַ מדרגה, וואָס גרענעצט זיך מיט וואונדער.

אין אייראָפּע פאַרשטייט מען שלעכט דאָס וואָרט דיסציפּלין — גראַדלינקייט, גלייכער טאַקט, אונטערטעניקייט, אונטערדריקונג פון דאָס אינדי־ווידועלע. אין אָריענט, איבערהויפּט אין אינדיע און כינע, מיינט עס דער גלייכער קאָנטראָל — און פאַראייניגונג — פון גייסט און קערפּער, דער קאָנ־טראָל איבער געדאַנק און געפיל, איבער מחשבה און טאָט. צופיל כאַאָס איז נאָך אין וועלט און אין מענטש, און מען מוז דעם כאַאָס צאַמען, פאָרמירן, אויב מען וויל נישט פאַרלאָרן ווערן אין אים. די־דאָזיקע דיסציפּלין איז געוואָרן אַ וויכטיקער באַ־שטאַנדסטייל פון דעם כינעזישן כאַראַקטער און ער באַהערשט אויך דעם דיכטער. דער כינעזישער פּאָ־עט לאָזט זיך נישט איבערפלייצן פון אימפּולס, פון

ליידנשאַפטן. ער הערשט — איבער זיי, קאָנטראָ־
לירט זיי, צאַמט זיי. ער קאָן בלייבן „העפלעך",
וויל בלייבן העפלעך, — צוליב וואָס שרייען, דאָס
וואַרפן זיך?

וואָרים ס'וואָלט געווען אָן אומרעכט קעגן די
כינעזער צו באַהויפּטן, אַז זיי זיינען מענטשן גאָר
אָן ליידנשאַפטן, אָן עמאָציעס, אָן שטאַרקע אימפּולסן.
בעת אין כינעזישן קוואַרטאַל פון ניו יאָרק איז אָנ־
געגאַנגען אַ בלוטיקע מלחמה צווישן צוויי כינעזישע
„טאָנגס" (באַנדעס) און קרבנות זיינען געפאַלן פון
ביידע זייטן, האָט אַ אידישער זשורנאַליסט באַ־
מערקט אין זיינס אַן אַרטיקל, אַז ווען „מען זעט די
רואיקע כינעזער שפּאַצירן די הענט אין די אַרבל,
אַזעלכע קאַלטבלוטיקע, גלייכגילטיקע, קאָן מען זיך
גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז אין זייער קוואַרטאַל גייט־
אָן אַ מלחמה". דאָס אייגענע קאָן מען אויך זאָגן,
ווען מ'לייענט — אויבערפלאַכלעך — די כינעזישע
פּאָעזיע: „לויט דער רו און גלייכגילט, וואָס איז אי־
בער דערדאָזיקער פּאָעזיע אויסגעשפּרייט, קאָן מען
זיך נישט פאָרשטעלן, אַז אין כינעזישן כאַראַקטער
איז דאָ טעמפּעראַמענט, ליידנשאַפט, אימפּעט."

א. אלמי

ס'איז דאָך אָבער אַ פאַקט, אַז נישט נאָר האָבן די כינעזער דידאַקטיקע אַלע געפילן און ליידנשאַפטן, נאָר האָבן אויך דורכגעמאַכט מלחמות (צווישן זייערע אייגענע פּראָווינצן, נישט צורעכענענדיק די מלחמות מיט אייראָפּעאישע לענדער, וואָס זיינען פון די לעצטע אויף זיי אַרויפגעצוואונגען געוואָרן) און אויפשטאַנדן, ווי דער באַרימטער באָקסערן-אויפשטאַנד א. א. וואָס דאָס באַווייזט, אַז טראָץ דעם פרידלעכן — דיסציפּלינירטן און פילאָזאָפיש-רואיקן — כאַראַקטער פון דעם כינעזער, אַלס יחיד און אַלס פאָלק, באַזיצט ער אַ, פון אויבן-איבערגעדעקטן, הייסן טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפטן, וואָס פּלאַצן אַרויס פון צייט-צו-צייט, ווען די סטרונע ווערט צופיל אָנגעצויגן.

די כינעזישע פּאָעזיע האָט אַ היבשע צאָל קריגס-לידער, אמת, זיי טראָגן ווייט ניט דעם קריגעריש-העצערישן און האַסערישן כאַראַקטער פון די קריגס-לידער אין די אייראָפּעאישע ליטעראַטורן, נאָר זיינען גיכער פּייזאַזשן, געמיטלעכע לאַנדשאַפטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ געשעענעם פאַקט, אַ מלחמה, צו וועלכער דער דיכטער אַליין

די כינעזישע פילאָזאָפיע

פילט זיך אָפּט פּרעמד, דאָך פילט זיך אין זיי אויפ־רעגונג, און מערסטנס אנרעגונג קעגן מלחמה. אַט, למשל, ווי ט ס א׳ אַ ס ו נ ג, אַ דיכטער, וועל־כער האָט געלעבט אין די יאָרן 870—920 נ. ק., זינגט וועגן מלחמה:

די בערגלעך און די טייכן פון דער פלאכלאנד־געגנט
האָט איר געמאכט פאר אייער שלאכט־פלאץ.
איז פונוואנען ווילן די מענטשן, וואָס וואוינען דאָרט,
נעמען „היי און באהייצונג״? *)
לאָמיך אייך נישט הערן פלוידערן
וועגן דערהויבונג און טיטולן!
וואָרים די רעפּוטאציע פון אן איינציקן גענעראל
איז געמאכט פון צען טויזנט טויטע קערפּער.

די גאָר אַלטע כינעזישע פּאָעזיע איז מערסטנס געווען הוילער פּייזאַזש, וואָרטשפּיל, קלאנגען־שפּיל און סוגעסטיעס, נאָר ט ש ו־י ו א ן, אַ בארימ־טער כינעזישער דיכטער און שטאטסמאַן, וועלכער האָט געלעבט אין די יאָרן 295—312 פ. ק., האָט

---

*) „היי און באהייצונג״ — די נויטווענדיקייטן אין לעבן.

א. אלמי

געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין די דאַמאָלסטדיקע באַ־גריפן פון פּאָעזיע, וואָס האָבן געהערשט אין כינע. ער האָט דעם טראָפּ געשטעלט הויפּטזאַכלעך אויף עמאָציע און אידעע. זיינע לידער זיינען עמאָציאָנעל און שפּרודלען מיט אידעען, און די אַנדערע דיכטער פון זיין צייט און די נאָכקומענדיקע האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל. אָבער אויסערלעך רואיק, אָן געשריי, אָן ציין־קריצעניש און אָן דעם ליידנשאַפטלעכן אויפברויז פון דער פּאָעטישער אויבערפלאַך איז די כינעזישע פּאָעזיע פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. וויפל צער, ווי און רעזיגנאַציע איז פאַרבאָרגן אין אָט, למשל, דעם ליד פון פּ ע ל א ־ י ע , נאָר ווי אויסערלעך רואיק און שטיל :

ווען מען שיידט אָפּ דעם גוף פון די גראָבע תאוות פון דער וועלט —
ווערט גרינגער אָפּצוזונדערן פון אים די נשמה.

איך גיי איינער אליין און באַטראַכט
דעם בלאָען הימל, די שיינענדע לבנה, די צאַללאָזע שטערן,
און איך ווער פאַר׳שכור׳ט.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

מיינע אויערן האָבן זיך פאַרמאַכט
און איך האָב פאַרלוירן דעם באַגריף פון צייט און רוים.

איך האָב פאַרגעסן אַז איך האָב געטראָגן אין אַרבל
עטלעכע אונצן גאָלד און איך האָב זיי אויפן וועג צושאָטן.

געזען, אַז איך בין גלייכגילטיק צו אַזאַ פאַרמעגן —
האָבן מיך אַרומגערינגלט די גאַסן־פרויען
און האָבן פרעך געוויקלט אַרום מיר זייער רייץ.
אָבער מיין גייסט האָט שוין אַריבערגעשוועבט די פאַר־
שנייטע בערג־שפּיצן
און איז אַריבער די קאַלטע וואָלקנס
און האָט זיך פאַרלוירן אין ווייטע בלאָע הויכן.

געזען, אַז איך בין געבליבן אומבאַוועגלעך,
האָבן מיר די אומדערבאַרמדיקע אינזעקטן
מיין הויט אָנגעגריפן און מיין לייב צוריסן.

אָבער מיין גייסט איז געווען אַזוי ווייט פון קערפּער,
אַז מיין גוף איז געוואָרן אומאַמפּינדלעך צו ווייטיק ווי
צו תאווה.

פאַרוואָס, אָ, פאַרוואָס האָב איך נישט געקענט דערגרייכן
צו דער הייליקער ריינקייט און פאָלקאָמענהייט פון די
אויסדערוויילטע?

א. אלמי

מיין גייסט האָט זיך אָפּגעטיילט פון קערפּער
ווי דער פלאַם פונם פאַקל, ווען דער ווינט בלאָזט אים
אַוועק,
און איבערלאָזנדיק דעם ערדישן גוף, וואָלט ער אַ שוועב
געטאָן —
און באַפרייט זיך אויף אייביק.

אָט דערציילט דער דיכטער טו־פו וועגן דער באַ־געגעניש מיט זיינעם אַ חבר נאָך צוואַנציק יאָר נישט זען זיך — וויפל שטאָף פאַר רעטאָריק; אָבער דער כינעזישער דיכטער איז רואיק: „ליבער חבר, ווי גליקלעך איך בין געריכט, טרעפנדיק פריש אונזער אַלטע פריינטשאַפט", און כאָטש ער זאָגט, אַז ער איז „דורכגעדרונגען מיט אַן אויפרעגונג אַ שטאַר־קער און איך פיל — עס גליט מיר עפּעס ביזן גרונט פון מיין נשמה", פליסט דאָס גאַנצע ליד אַזוי שטיל, אַזוי איינגעהאַלטן:

מענטשן פאַרברענגען זייער לעבן צעשיידט איינער פונם
צווייטן:
ווי זיינען ווי שטערן, וואָס באַוועגן זיך און טרעפן זיך
נישט קיינמאָל.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

דער אָוונט דער היינטיקער, ס׳אַרא גליקלעכער אוונט עס איז
פאַר צוויי אַלטע פריינט, וואָס זיצן ביי דער אַלטער לאָמפּ!
אַך, ווי ווייניק עס געדויערט די קינדהייט און די יוגנט.
ווייסע האָר אויף די שלייפן צייגן שוין אָן אונזער עלטער:
האַלב פון אונזערע באַקאַנטע זיינען איצט נישט מער ווי גייסטער.
איך בין דורכגעדרונגען מיט אַן אויפרעגונג אַ שטאַרקער,
און איך פיל — עס גליט מיר עפּעס ביזן גרונט פון מיין נשמה.

צי וואָלט איך ווען געטרוימט מיט דיר ביי דיר אין הויז פאַרווילן,
נאָכדעם ווי מיר האָבן צוואַנציק יאָר זיך נישט געזען?
ווען מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל באַגעגנט, ביסטו אַ בחור נאָך געווען
דאַכט זיך ערשט איז דאָס געווען — איצט רינגלען היבשע קינדער דיך אַרום.

זע, ווי גאַסטפריינטלעך זיי נעמען אויף דעם טאַטנס אַלטן פריינט:
פרעגן אים פון וואָסער לאַנד ער קומט;
און, בעת די פראַגעס און ענטפערס קומען איינער נאָכן צווייטן —
שנעל סערווירן דיינע קינדער אונז דעם אַלטן שטאַרקן ווין.

א. אלמי

וואָס מיר רעגן, וואָס מיר נאַכט — האַסטיק לויפֿן זיי
אין גאָרטן
און די הייסע פֿרישע רייז באַשיטן זיי מיט געלן הירזש.
דער גאַסט ווערט גאָרנישט מיד צו איבערזאָגן
ווי דידאַזיקע צוזאַמענטרעפֿונג פֿרייט אים.
דערווייל האָט מען שוין גאַנצע צען באָקאַלן אויסגעטרונ־
קען אומבאַמערקבאַר.
גאַנצע צען באָקאַלן אויסגעליידיקט. דאָך נישט בלאָנ־
דזשעט נאָך מיין מח.

ליבער חבר, ווי גליקלעך איך בין גערירט,
טרעפֿנדיק פֿריש אונזער אַלטע פֿריינטשאַפֿט !
מאָרגן וועלן ווידער אונז צושיידן די בערג מיט די פֿאַר־
וואָלקנטע שפּיצן
און די צוקונפֿט וועט פֿאַר אונזביידן ווערן —
א ברייטער ים, וואָס האָט קיין האָריזאָנט נישט.

פֿונקט אַזוי רואיק רעדט טו־פֿו וועגן טויט,
דערציילנדיק ווי ער איז געשטאַנען ביים ים, גרייט
אַהין אַריינצושפּרינגען :

דאָס הויז, וואו איך בין געבוירן געוואָרן,
האָבן גרויזאַמע פֿלאַמען איינגאַנצן פֿאַרשלונגען,
בין איך אין א גאָלדענעם שיפֿל אַריין מיינע זאָרגן צע־
שטרייען.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

מיטגענומען האָב איך מיין געשניצטע פלייט
און צו דער לבנה א ליד געזונגען.
האָב איך די לבנה אזוי דערמיט באטריבט,
אז זי האָט מיט א וואָלקן איר פנים פארהילט;
און איצט בין איך ווידער צווישן וואָלקן אוועק,
נאָר אויך זיי האָבן טרייסטן מיך נישט געקענט.
מיר האָט זיך אויסגעדאכט:
ווי ס'וואָלטן אלע פריידן פון מיין קינדהייט
מיט דעם הויז באנאנד פארברענט געוואָרן.
איך גאָר און בענק אזוי — צום טויט.
בין איך שוין געשטאנען ביים ים,
אריבערגענייגט זיך אריבער דעם ברעג —
איז אין א שיפעלע א פרוי דורכגעפאָרן.
איז ביי מיר געווען: ווי איך זע די לבנה אין וואסער
זיך שפיגלען.
ווען זי וואָלט געוואָלט, וואָלט איך א הויז ביי איר אין
הארצן
פאר מיר אויפגעבויט!

בענקשאַפט, צער, טרויער, פאַרגענגלעכקייט, טויט אָדער א געמיטלעכער שפאַציר איבערן טייך — אומעטום דיזעלבע איינגעהאַלטנקייט, די אייגענע דיסציפלין, מיטן אייגענעם רואיקן טאָן רעדט ער — רעדן די מערסטע כינעזישע דיכטער — ווען

א. אלמי

אייגענעם נאָענטן טויט, ווי וועגן אַ וואָלקן אָדער די לבנה. אַט ווי טו-פו זינגט אין זיין ליד „אויפן טייך טשו“ :

שנעל יאָגט מיין שיף איבער די כוואַליעס,
— רוט מיין בליק אויפן וואַסער.
אויפן ווייטן הימל, אין הויך, וואַנדערן די וואָלקנס,
אפילו דער הימל איז צווישן די כוואַליעס :
אז אַ וואָלקן שוועבט אריבער די לבנה,
זע איך אין וואַסער זי אַוועקציען.

רעד איך מיר איין :
אז מיין שיפל שווימט אויבן, אויפן הימל,
און אין מיין האַרץ טוט איצטער פונקט אזוי —
זיך שפּיגלען מיין געליבטע.

אָדער נעמט די פאָלגנדע „טרינק-לידער“ פון לי טאַי-פּאָ. וויפל איינזאַמקייט, טרויער און פּעסי-מיזם זאַפּן-דורך דידאָזיקע טרינק-לידער ! דאָך שרייט ער קיין איין מאָל נישט אויס, נישט פון ווייטיק און נישט פון שכרות. דער כינעזער איז אפילו אין זיין שכרות רואיק, „העפלעך צו דער וועלט“,

די כינעזישע פילאָזאָפיע

און ווי דער דיכטער, קאָן אויך זיין לייענער נישט פאַרשטיין „וואָס אַזוינס טרייבט אין באַוועגונג מיין (זיין) נשמה“:

1

דער באַלעבאָס פון הויז האָט ווייַן. ער אָבער פאַרפילט נאָך נישט
דעם בעכער:
ווארט אויס ביז איך וועל האָבן געזונגען דאָס ליד פון זאָרגן.
ווען ס'קומט די זאָרג אין מיין גערדאַנק און מיין לאַכן שטאַרבט־אָפּ,
דאַן קאָן קיינער נישט באַגרייפן וואָס אַזוינס טרייבט אין באַוועגונג
מיין נשמה?

האַר, דו באַזיצסט אַזוי פיל זאַטיקן ווייַן.
און איך האָב מיין לאַנגן צימבל.
דעם צימבל שלאָגן און טרינקען ווייַן —
דאָס זיינען צוויי זאַכן, וואָס פּאַסן זיך צו.
אַ בעכער ווייַן אין רעכטער צייט
איז טויזנט אונצעס גאָלד די ווערט.
ווען ס'זאָל נאָר דער הימל אייביק זיין.
און די ערד זאָל געזונט זיך שטיין אַ צייט נאָך לאַנג —

א. אלמי

2

ווען מיר אייביק אזוי זיין. ווי לאַנג נאָך
וועט דאָס גאָלד און דער ביטערער טראָפּן
אונז דערפרייען קענען ?
הונדערט יאָר — דאָס איז פון די געוואגסטע האָפנונגען
די גרענעץ,
לעבן. און דערנאָכדעם שטאַרבן — איז דאָס איינציקע,
מיט וואָס דער מענטש קאָן זיכער זיין.
פּעי האי האָ !
פּעי האי האָ !

הערט איר אים דאָ אונטן, אין לבנה־שיין —
די מאַלפּע, וואָס איז צוזאַמענגעקנוילט אויף אַלע פיר —
זיצט און קוויטשעט איינזאַם אונטער קברים ?
און אַצונדער פילט אָן דעם בעכער, איצטער איז די צייט
מיט איין שלונג אים אויסצעליידיקן.
פּעי האי האָ !
פּעי האי האָ !
זיץ איך אין דער בויד פון בליטן און צווייגן־געפלעכט
ביים וויין.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

3

ווי וואָלט איך געוואָלט אצינד האָבן א חבר א גוטן !
קומט די לבנה און באגריסט מיך מיט ליכטיקן שיין
און מיין שאָטן וויגט זיך, ווי ער וואָלט געווען א דריטער
אין בונד.

די לבנה קאָן נישט מיטטרינקען.
און דער שאָטן מאַכט נאָך מיינע באוועגונגען.
אָבער איך וויל דאָך זייער גוט־ברודערשאַפט און פריינט־
שאַפט
אויסבאַרגן, און פריילעך זיין אזוי לאַנג
ווי דער פרילינג בליט.

זעט, די לבנה לאַכט פון מיין געזאַנג !
זעט, מיין שאָטן, ווי ער טאַנצט און שפרינגט !
אזוי לאַנג ווי מיין שכל דינט מיר נאָך, בלייבטביידע איר
מיר טריי.
אָבער, ווען ס׳וועט רוישן דער האר מיינער,
איז ווידער מיט דער חבר׳שאַפט אוים !
דאַמאָלט שיידן מיר זיך אָן א „ווי־געזונט“.

א. אלמי

אבער נאכאלעמען וועלן מיר אין דער קומענדיקער נאכט
פייערן א פריילעכן „ווידערזען".

און אט פילאזאפירט דער דיכטער ט ש י ן
ט ס ע ן ג נ א ן וועגן לעבן און טויט — עס איז
קהלת'דיקע פילאזאפיע, נאר גוטמוטיק־שטיל אויפ־
גענומען, ווייטמוטיק ווי אלע כינעזישע לידער, אין
דער טיף, און סטאיש־רואיק פון אויבן־אויף:

ווען מען טראגט א מחשבה אין הארצן,
שטראלט זי ארויס דורך די אויגן,
און ווען די געפילן ווילן אנטלויפן —
פארטרויט מען זיי דער פעדער.

יעדער שיינער טאג פארגייט אויף אייביק.
האסטיק ווערט פארשוואונדן אונזער קורצער פרילינג.

טיף פארזונקען אין א תהום פון טרוימען ליג איך
דא, אין שאטן פון די הויכע אלטע ביימער
און באטראכט דאס ווערק פון האפנונגסלאזער שאפונג.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

ווײ, דער טויט ער לאָקערט אויף די פרישע בלומען ;
קלעגלעך זינגט דער קי־קועי*) און ווארענט
מיין באַטריבטן אויער, אַז דער הארבסט איז נאָענט.

וויפל לעבנס זיינען פארניכט געוואָרן
זינט די ווילדע געגז, אין גרויסע סטאַיעס, האָבן
אין די גראָע צייטן די געגנט פארלאָזן ! . . .

ווען אפילו דער באַרימטסטער מאַן זאָל אויפשטיין
פון זיין טיפן פילהונדעריאָריקן קבר —
וואָלט אים איינער דען דערקענט אין אונזער געגנט ?

לאָן און זשאָ **), די פרעכטיקע בלומען פון פרילינג,
איינזאַם, אין דער טיפער שטילקייט פון די וועלדער,
שפרייטן זיי די דופטיקע קריינדעלעך פאַנאַנדער,
בליהען העל, פילפארביק אויף די שלאַנקע שטענגלעך.

ביסלעכווייז דערווייטערט זיך די זון. דער הארבסט־ווינט,
בייז און ווילד ,שטייגט־אויף — עס ציטערן די בלומען :
שטויב וועט פון זיי ווערן און דער קאַלטער הארבסט־ווינט
וועט ווי אַש און מיסט זיי ערגעץ־וואו פאַריאָגן.
וואָס וועט אָבער פון זייער דופטיקייט ווערן ?

— — — — — — — — — — — — — — —

---

*) אַ פויגל וואָס זינגט פרילינג און הארבסט.

**) בלומען וואָס וואַקסן בלויז אין כינע.

א. אלמי

טיף פאַרזונקען אין א תהום פון טרוימען ליג איך
דאָ, אין שאָטן פון די אַלטע בוימער,
און באַטראַכט דאָס ווערק פון האָפנונגסלאָזער שאַפונג . .

איך ברענג דאָ אַ סעריע קליינע לידלעך פון פאַרשידענע כינעזישע דיכטער, פון פאַרשיידענע צייטן, וועלכע דריקן מיט זיך אויס פאַרשיידנאַרטיקע געפילן, איבערלעבענישן, שטימונגען — צו אילוסטרירן דעם אויסערלעך־רואיקן, „דיסציפּלינירטן“ כאַראַקטער פונם כינעזער, פון כינעזישן דיכטער איבערהויפּט :

וואַן־טי

(157־87 פ. ק.)

דער האַרבסט־ווינט

דער האַרבסט־ווינט הויבט זיך אויף : ווייסע וואָלקנס פליען.
גראָזן, בוימער וועלקן ; גענז לאָזן זיך צו דרום.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

אין פולן בלי זיינען די אַרכידעען, די כריזאַנטעמען
שמעקן וואויל.
איך טראַכט פון מיין ליבער דאַמע. איך קאָן זי קיינמאָל
נישט פאַרגעסן.
דאָס שווימענדיקע פּאַגאָדא־שיפל קרייצט דורך
דעם פען־טייך,
און פון דעם מיטן שטראָם שטייען אויף ווייסע כוואַליעס.
צום טאַקט פון שיפער'ס ליד שפּילט די פליט
און קלאַפּט די פּויק ;
אינמיטן באַלעוועס און הוליען
קומען טרויעריקע געדאַנקען ;
אָ, ווי ווייניק זיינען יוגנט'ס יאָרן ! אַלטקייט —
אָ ווי אייביק !

ליבע באַהאַלטן מען

ווער זאָגט עס,
אַז מיר איז ליב
די צעשיידונג, דאָס וואוינען אַזוי ווייט פון דיר ?
מיין קלייד שמעקט נאָך פון דער לאַווענדל *), וואָס דו
האָסט מיר געגעבן,
און דעם בריוו וואָס דו האָסט מיר געשיקט — האַלט איך
נאָך אין האַנט.

---

*) אַזאַ שמעקעדיקע בלום פון העל־פּורפּורנעם קאָליר.

א. אלמי

מיין טאַליע וויקל איך אַרום מיט אַ דאָפּלטן גאַרטל:
כ'שטעל זיך פאַר גלייך ער בינדט אונז ביידן מיט אַן
אייןֿהאַרץֿקנופּ.
האָסטו נישט געוואוסט, אַז מענטשן באַהאַלטן זייער ליבע,
ווי אַ בלום, וואָס איז צו טייער אויף אַרויסצורייסן?..

פאָ-טשואי

(486 נ. ק.)

לידער

אין מיין קלעטערן איבערהויך, הויב איך אָן באַגרייפן
די קליינקייט פון דעם מענטשנס רייך.
קוקנדיק אין דער ווייטעניש הויב איך אָן באַנעמען
די נישטיקייט פון דער מאַטעריעלער וועלט.
איך קער זיך אום און לאָז זיך אַ היים —
צוריק אין הויף און מאַרק,
אַנ'איינציק קערנדל רייז — אין דעם גרויסן שייער...

* * *

(קלעטערנדיק אויף דער קואָןֿטעראַסע און אַראָפּקוקנדיק צו
דער שטאָט):

הונדערטער הייזער, טויזנטער הייזער — ווי אַ שאַךֿברעט.
די צוועלףֿגאַסן — ווי אַ פעלד מיט שורות קרויט.
אין דער ווייטעניש זעט זיך, מאַט און טונקל,

די כינעזישע פילאָזאָפיע

דאָס פייער פון זיך דערנענטערדיקן מאָרגן,
בלויז אַן איינציקע שרעגגע שטערן.

* * *

(נאָכמיטאָג)

נאָכן עסן — אַ קורצער דרימל.
נאָכן דרימל — צוויי טאָסן טיי.
אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, זע איך ס'ליכט פון דער זון —
אומקערנדיק זיך ווידער צו דרום־מערב.
די, וואָס זיינען פריילעך באַדויערן די קורצקייט פון טאָג.
די, וואָס זיינען טרויעריק, ווערן מיד פון לאַנגזאַמקייט
פון יאָר.
נישט קיין פרייד און נישט קיין טרויער,
לעבן זיך, גלאַט אַזוי, נישט טראַכטנדיק
פון „קורץ" און „לאַנג".

* * *

(קינדער)

מיין שוועסטער'ס זעקס־יאָריקע טאָכטער רופט מען „פריי־
ליין טשערעפּאַכע"
מיין טאָכטערל, וואָס איז דריי יאָר אַלט — רופט מען
קליין זומער־קליידל"
איינע לערנט זיך ריידן און חכמה'נען ;
די אַנדערע דעקלאַמירט שוין לידער און פּאָעמען.

א. אלמי

אינדערפרי פארברענגען זיי — דרייענדיק זיך ארום מיינע
פיס.
ביינאכט שלאפן זיי — מיט מיין קלייד צוקאפנס.
פארוואס, קינדער, זענט איר געקומען אויף דער וועלט
גראד איצט,

ווען מיין וועלט איז שוין פארגאנגען ?
יונגע באשעפענישן ציען אונז צו זיך.
אלטע מענטשן גיבן לייכט זייערע הערצער אוועק.
די צייט מאכט זויער דעם זיסטן וויין
און קלענער — די פולסטע לבנה.
אזוי איז ביי מענטשן : פון באנד, וואס איז געפלאכטן
פון צערטלעכקייט
און ליבע,
קאן ווערן א משא פון טרויער און זארג.
אבער די גאנצע וועלט איז דאך מיטן ליבשאפטס־באנד
געבונדן ;
פארוואס־זשע האב איך געטראכט, אז איך אליין זאל
גראד אנטלויפן ?

פו־הסיאן

(געשטארבן אין יאר 278 נ. ק.)

א מילדער ווינט

א מילדער ווינט פאכעט איבער דער רואיקער נאכט.
א העלע לבנה שיינט אויף דעם נאכט־טורעם.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

א קול שעפּטשעט, נאָר קיינער ענטפערט נישט,
ווען איך שריי.
א שאָטן באַוועגט זיך, נאָר קיינער קומט נישט,
ווען איך רוף.
דער קיך־דינער ברענגט אַריין א לינדזן־מאכל.
אויך ווײַן איז דאָ, נאָר איך גיס נישט אָן מײַן כוס.
צופרידנהייט מיט אָרימקייט איז די בעסטע מתנה
פון גליק.
רײַכטום און ערע זײַנען די דינערינס פון אומגליק.
כאָטש גאָלד און איידלשטיינער זײַנען פון דער וועלט
געזוכט און געאַכט —
זענען זיי מיר אוים נישט מער ווי ווילדע גראָזן
אָדער פליעוועס . . .

קייזער טשיען וועז־טי

(6טער יאָרהונדערט)

א ווינטער־נאַכט

מײַן בעט איז אַזוי ליידיק, אז איך כאַפּ מיך בסדר אויף.
ווי די קעלט פאַרשטאַרקט זיך, הויבט דער נאַכט־ווינט אָן
צו בלאָזן ;
אָ, ווען די פאָרהאַנגען וואָלטן געווען כוואַליעס,
וואָלטן זיי מיך פאַרטראָגן צו דיר !

א. אלמי

איך ווייס, אַז מיט ברענגען עטלעכע לידער איז אוממעגלעך צו געבן אַ פולן באַגריף וועגן די כינעזישע דיכטער, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן געזונגען זייערע לידער דעם גרויסן כינעזישן פאָלק; איך האָב דאָ נאָר געוואָלט געבן אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דער כינעזישער דיכטונג, איר אַנטוויקלונג און גייסט*) קיין דיכטונג אין דער וועלט האָט נישט אַזאַ אויסגעהאַלטענעם שטייגער ווי די כינעזישע — אַ שטייגער, וואָס האַלט־אָן טויזנטער יאָרן. אַן איבערברוך, ווי מען האָט דאָס געקענט זען פון די לידער.

*) דער אויפקלייב איז בכיון געמאַכט פון פאַרשיידענע כינעזישע דיכטער פון פאַרשיידענע צייטן און אויף פאַרשיידענע טעמאַס, כדי וויפל־ניט־איז צו אילוסטרירן די „דיסציפּלינירטע רואיקייט" און אַלגעמיינעם גייסט פון דער כינעזישער דיכטונג. די איבערזעצונגען, פאַר וועלכע עס זיינען באַנוצט געוואָרן די בעסטע פראַנצויזישע, ענגלישע און דייטשישע קוואַלן, זיינען ווערטערלעכע, אָפּהיטנדיק אויך דעם אָריגינעלן ריטם. די נעמען פון די דיכטער, וועלכע האָבן פאַר מיר איבערזעצט די ציטירטע לידער און וועמען איך דריק דאָ אויס מיין וואַרמען דאַנק, קומען צום סוף פון דעם בוך.
א. א.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

וואָס זיינען דאָ געבראַכט געוואָרן און וועלכע זיי־נען געשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע עפּאָכן פון דער כינעזישער געשיכטע ; מ׳דאַרף אָבער דעם־דאָזיקן אויסגעהאַלטענעם שטייגער נישט פאַררע־כענען פאַר איינטאָניקייט, ס׳איז גיכער אַ געטריי־שאַפט זיך אַליין, דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן „גע־מיט", נאַציאָנאַלער „נאַטור".

דער ים פון דער כינעזישער פּאָעזיע איז קיינ־מאָל נישט דורכגעריסן געוואָרן פון פרעמדע איינ־פלוסן, פון פרעמדע שטראָמען, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די אייראָפּעאישע ליטעראַטורן ; די באַרימטע כינעזישע מויער האָט באַשיצט דעם אַ ר ו ם און די אויבערפלאַך פון זייטיקע איינפלוסן, און עס איז געשען אַ מערקווירדיקע זאַך ; בעת יעדע אייראָפּע־אישע פּאָעזיע איז אונטער פאַרשיידענע ווירקונגען און זייענדיק אין תוך אָפט נאַציאָנאַל, איז זי אין איר שטייגער, אויסדרוק און פאָרם קאָסמאָפּאָלי־טיש, איז די כינעזישע פּאָעזיע נאַציאָנאַל־כינעזיש אין איר שטייגער, אין איר גאַנצן געבוי, אָבער מער־סטענס אוניווערסאַל אין איר מהות.

וואָרים, וואָס איז נוגע די מאָטיוון און אידעען,

א. אלמי

וואָס שפּינען־דורך די כינעזישע פּאָעזיע, איז זי אייגן אַלע דיכטונגען ; די כינעזישע מויער, וועלכע האָט באַשיצט דעם אַ ר ו ם און די אויבערפלאַך פון דער ערד, האָט נישט געקענט פאַרשטעלן דעם א ו י ב ן , די הימלען מיט די אייביקע סודות, דעם אומענדלעכן אוניווערס. אָט דאָס שטרייכט קלאָר אונטער דעם געדאַנק, אַז אין תוך איז די מענטש־לעכע נשמה אומעטום די זעלבע און אומעטום און אין אַלע צייטן רעגן זי דיזעלביקע פּראָבלעמען, אי־דעען און סודות. הינטער דער מעכטיקער כינעזי־שער מויער האָט געבליט דער כינעזישער גייסט, אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער וועלט ; דאָך וואַרפט אַראָפּ פון אים דעם ספּעצי־פיש־כינעזישן מאַנטל (ליידער איז דאָס אָפט נישט מעגלעך צו טאָן, ווייל דערדאָזיקער מאַנטל איז ווי צונויפגעוואקסן געוואָרן מיט דער כינעזישער נשמה) — און אין זיין נאַקעטקייט דערזעען מיר דורכגע־קרייצט די אייגענע פריידן און ליידן, פּראָבלעמען און סתירות וואָס אינם גייסט פונם מערב־מענטשן. מיר קענען דאָס זען סיי אין דער פילאָזאָפיע און סיי אין דער פּאָעזיע פון די כינעזער.

די כינעזישע פילאָזאָפיע

איין ביישפּיל, כאָטש ניט מאָסגעבנד, אָבער אינטערעסאַנט, ווי דער אַלטער אורווייטער דיכטער פון כינע קאָן זיך אַמאָל צונויפטרעפן מיט דעם הײַנט־צײַטיקן דיכטער פון אייראָפּע אָדער אַמעריקע: ע ד ג אַ ר ע ל ע ן פּ אָ ו 'ס באַרימט ליד „די קראָ" איז אַזוי שטאַרק ענלעך צו דער „קראָ", וואָס אַ כינעזישער דיכטער ט ש י א - א י האָט אויסגעזונגען מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק, אַז פּאָו קאָן אַרונטערפאַלן אונטערן פאַרדאַכט פון פּלאַגיאַט, וואָרים ס'איז די זעלבע אידעע, די זעלביקע שטימונג און אַפילו אַן ענלעכער ריטם; דאָס גליק פּאָו'ס איז, וואָס אין זיין צייט איז דאָסדאָזיקע אַלט־כינעזישע ליד נאָך נישט געווען איבערזעצט אויף קיין אייראָפּעאישער שפּראַך און אויף וויפל ס'איז באַקאַנט האָט פּאָו נישט געקענט קיין כינעזיש.

ווי געזאָגט, איז אַזאַ פאַל נישט מאָסגעבנד, אָבער ס'איז יאָ נאָך אַ באַווייז, אַז דער מענטשלעכער גייסט „אַרבעט" אומעטום — און אין אַלע צייטן — אין דער אייגענער ספער... געוויס מיינט דאָס נישט, אַז אינם אוניווערס הערשט גראָדליניקייט, איינטאָניקייט און כסדר'דיקע ווידערהוילונג.

א. אלמי

אַנדערע ניואַנסן, פאַרשיידענע וועגן און שטעגן צו די זעלביקע אידעען און אידעאַלן ביי דעם און ביי יענעם פאָלק, אונטערגעוואָרפן לאָקאַלע, קלימאַטי־שע, עטנאָגראַפישע א. א. באַדינגונגען, אָבער דער עסענץ און דער גייסטיקער מהות איז אומעטום און פון אייביק ביז אייביק דער אייגענער. דער פאַנטעאיזם — די איינסקייט פון גייסט און מאַטע־ריע, גאָט און נאַטור — פילט אויך אוים די ליידיקע שטרעקעס צווישן לאַנד און לאַנד, וועלט־טייל און וועלט־טייל —אין אן איינסקייט פון מענטשלעכן גייסט, מענטשלעכער אַמפּינדונג און ענערגיע. אַרי־בערפלייצנדיק אויך איבער דער העכסטער כינעזי־שער מויער . . .

שוין אין דער עלצטער כינעזישער פּאָעזיע, פון וועלכער קאָנפוציוס האָט אויפגעקליבן איבער 300 לידער אין זיין בוך „שי קינג" (דאָס אָדן־בוך), וואַרפן זיך דורך מאָטיוון, וואָס זייער ציטער איז באַקאַנט דעם מערב־בלוט, כאָטש אין פאַרשיידענע צייטן און אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטענדן און באַדינ־גונגען געשאַפן געוואָרן ווי האָמער׳ס געזאַנגען, אָדער דער תהלים אָדער די פּערסישע פּאָעזיע ; טייל

די כינעזישע פילאָזאָפיע

קענער פון דער אַלט-כינעזישער פּאָעזיע פאַרגלייכן טאַקע דידאַקטישע ערשטע פּאָעטישע שאַפונגען פון כינע צו האָמער'ס פּאָעמען און צום תהלים, אי צוליב זייער פאַראַלעלער שיינקייט און קרעפטיקייט פון אויסדרוק, אי צוליב דער ענלעכקייט פון געוויסע מאָטיוון.

קאָנפוציוס האָט אין זיין „שי קינג" אַריינגעגעבן בלויז אַ קליינעם טייל פון די אַלטע לידער, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל דורך לאַנגע דורות; פאָרשער פון דער כינעזישער ליטעראַטור גלויבן, אַז קאָנפוציוס האָט געהאַט פאַר זיך איינציקע טויזנט לידער, פּאָעמען און באַלאַדן, פון וועלכע אַ היפּשער טייל איז פאַרפאַסט געוואָרן פון קייזאָרים, פּרינצן, מיניסטאָרן, הויכע רעגירונגס-בעאַמטע און געוויינטלעכע אונטערטאַנען. נאָר קאָנפוציוס האָט אויסגעקליבן בלויז יענע פּאָעטישע שאַפונגען, וואָס זיינען געווען אין איינקלאַנג מיט זיינע עטישע און מאָראַלישע פּרינציפּן, און זיי פאַראייביקט אין זיין בוך „שי קינג", בעת די מערסטע פון די איבעריקע זיינען פאַרגעסן געוואָרן.

א. אלמי

די צייט, ווען קאָנפוציוס האָט צונויפגעשטעלט זיין „שי קינג“, ווערט באַטראַכט פאַר איינע פון די בליענדיקסטע פעריאָדן אין דער כינעזישער דיכטונג. דאָס זיינען געווען די „זיבן פעטע יאָר“ פון כינעזישער פאָעזיע, נאָך וועלכע עס איז געקומען אַ לאַנגע הונגער־פעריאָדע, אנהאַלטנדיק אַרום הונדערט יאָר — אַ פעריאָדע, בעת וועלכער זייער ווייניק ווערטפולע ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן. נאָך די הונדערט מאָגערע יאָר, איז געקומען אַ לאַנגזאַמע אויפלעבונג פונם פאָעטישן וואָרט. דאָס וויכטיקסטע פאָעטישע בוך — אַן אַנטאָלאָגיע — זינט דעם „שי קינג“, איז די „לי סאַאָ“ פון קו־יועז, וועלכער האָט געלעבט 280 יאָר פאַר אונזער — קריסטלעכער — צייט־רעכענונג; פון יענער צייט זיינען אויך באַקאַנט לידער פון די צוויי באַגאַבטע דיכטער סו־וואו און לי־לינג, ווי אויך אַ צאָל לידער פון אומבאַקאַנטע דיכטער.

שפּעטער, בעת דער האַן־דינאַסטיע, ספּעציעל אונטער דער הערשאַפט פון קייזער קיעז־אַז (196 נ. ק.) און אונטער דער הערשאַפט פון הוואַנג־טיסו (220 נ. ה.) פון דער ווענ־

די כינעזישע פילאָזאָפיע

דינאַסטיע, האָבן געלעבט עטלעכע דיכטער פון גרויסן פאַרנעם און זייערע שאַפונגען זיינען פון די כינעזישע קריטיקער גלייכגעשטעלט געוואָרן מיט די קלאַסישע דיכטונגען אין „שי קינג".

פון דער וועי־דינאַסטיע ביז דער ט׳סין־דינאַסטיע און אויך אין משך פון די לו־טשאַאָ (זעקס דינאַסטיעס : וואו־טסינג, סונג, ט׳סי, ליאנג און טשען, אַרומנעמענדיק די צייט פון יאָר 200 נ. ק. ביז 587), איז קיין ווערטפולס נישט צוגעקומען צו דער כינעזישער דיכטונג, כאָטש פּאָעטן זיינען געווען לרוב, אָבער מערסטנס נאָכאַמערס, אימיטאַטאָרן פון די פריערדיקע דיכטער.

נאָך אַן ערגערע צייט פאַר דער כינעזישער פּאָעזיע, ווי פאַר ליטעראַטור און פילאָזאָפיע בכלל, האָט אָנגעהאַלטן זינט דער טשען־דינאַסטיע ביז דער סואי־דינאַסטיע (589-618 נ. ק.) ; די דאָזיקע צייט ווערט באַצייכנט אַלס די דעקאַדאַנס־פּעריאָדע אין דער כינעזישער ליטעראַטור און זי האָט אָנגעהאַלטן אפילו אַ שטיקל צייט אונטער דער נאָכקומענדיקער ט׳אנג־דינאַסטיע. אָבער דאַן איז אַריינגעטראָטן אַ גרויסע ענדערונג. די ט׳אנג־דינאַסטיע איז, ווי פריי־

א. אלמי

ער באַמערקט, געווען אויסערגעוויינטלעך צוגעלאָזן צו דיכטער און פילאָזאָפן ; גרויסע פּאָעטן זיינען אויפגעקומען און די פּאָעטישע ווערק, וואָס זיינען בעת די ט'אנג-הערשער געשאַפן געוואָרן ,ווערן באַטראַכט פאַר די וויכטיקסטע אין דער גאַנצער כינעזישער פּאָעזיע ; זיי זיינען ביזן היינטיקן טאָג מוסטערן פאַר די כינעזישע דיכטער. אַ כינעזישער עסייאיסט פאַרגלייכט די אַנטוויקלונג פון דער כינעזישער דיכטונג צו אַ בוים : „די דריי הונדערט אָדן אין „שי-קינג" זיינען דער שורש ; די לידער פון סו-וואו און לי-לינג זיינען דער ערשטער שפּראָץ פונם שורש ; און די לידער פון דער קיען-אַן-פּעריאָדע זיינען דער פאַרגרעסערטער וואוקס פון דעם שפּראָץ, פאָרמירנדיק דעם יסוד פון בוים ; די לידער פון די לו-טשאָאָ (זעקס דינאַסטיעס) זיינען די ערשטע צווייגן און בלעטער ; דאַן, בעת דער ט'אנג-דינאַסטיע, ווערן די צווייגן און בלעטער אלץ רייפער און צייטיקער, און ס'באַווייזן זיך בלומען און פּירות. קרוינענדיק דעם נאָבעלן בוים פון פּערפעקטער פּאָעזיע".

די כינעזישע פילאָזאָפיע

אויסער די פריער דערמאָנטע לי טאַי־פּאָ, טו־פו און פּאָ־טשואי, די דריי גרעסטע כינעזישע דיכטער, וועלכע האָבן געלעבט בעת דער ט׳אַנג־דינאַסטיע, זיינען פון יענער „גאָלדענער עפּאָכע” באַרימט אויך די דיכטער : טשען טצע־אַנג, טשאַנג קיו־לינג, וויי־ווינג־וואו, לי טסאָנג־יוען, האַן־יו, טסען־ט׳סאַן, וואַנג־ווײ, וואַנג־האַן, לי־קאַיאָ און טשאַנג־שאָ.

איך האָב פריער גערעדט וועגן דער שווערי־קייט — און אין אַ גרויסן טייל אוממעגלעכקייט — איבערזעצן כינעזישע פּאָעזיע אין אַן אייראָפּעאי־שער שפראַך, צוליב דער אַנדערשדיקייט פון כי־נעם גאַנצן געביי, כאַראַקטער, טאָפּאָגראַפיע, אַרכי־טעקטור, פאַונא און פלאָראַ און סאָציאַלע זיטן. בעת דער כינעזישער דיכטער רעדט אַ ב ס ט ר אַ ק ט וועגן פרייד און לייד, אינינגסטע איבערלעבענישן בכלל — איז ער אונז פאַרשטענדלעך ווי יעדער אַנ־דער דיכטער פון וועלכן ס׳איז לאַנד אָדער וועלט־טייל. באַזינגט ער אָבער כינעזישע לאַנדשאַפטן, כי־נעזישע סביבה ,אייגנשאַפטן ,וואָס זיינען אייגן בלויז

א. אלמי

דעם כינעזישן כאַראַקטער א. דג., — איז עס אָפּט פאַר'ן אייראָפּעער אומפאַרשטענדלעך. ער קאָן עס נישט זען — און דערפאַר אויך נישט מיטלעבן, איבערלעבן. פאַר געוויסע פלאַנצן, למשל, וואָס זיינען פּאָפּולער אין כינע, איז נישט פאַראַן קיין נאָמען אין קיין שום אייראָפּעאישער שפּראַך, און כדי צו קענען ז ע ן כינעזישע סביבה, כינעזישע אַרכיטעקטור, וואָס ווערט באַזונגען אין אַ גרויסער צאָל כינעזישע לידער ,וואָלט דער אייראָפּעאישער לעזער זיך פריער געדאַרפט אַריבערכאַפּן קיין כינע . . .

נאָך אַ וויכטיקע שוועריקייט פאַרן איבערזעצער איז אין דער כינעזישער שפּראַך גופא. אַ שפּראַך פון איינצל-זילבן, שטעלן דערצו די כינעזישע אותיות פאַר נישט בלויז פאָנעטישע קלאַנגען, נאָך אויך טענער, וואָס דערמאָנען מוזיקאַלישע נאָטן. אַ גרויסע צאָל כינעזישע ווערטער האָבן צוויי אָדער מער באַדייטונגען. געשריבן ווערן זיי אַנדערש — מיט פאַרשיידנאַרטיקע אותיות, נאָר אין רעדן קענט איר קיינמאָל נישט וויסן צי אַ וואָרט מיינט שוואַרץ אָדער וויים, אָן אַ ספּעציעלער אינטאָנירונג. כדי מ'זאָל פאַרשטיין וואָס דאָס וואָרט מיינט, קומען די

די כינעזישע פילאָזאָפיע

צייכנס, וואָס ווייזן ווי אַזוי צו אינטאָנירן עס. בעת מ׳רעדט כינעזיש איז, אַלזאָ, וויכטיק הויפּטזאַכלעך די אינטאָנאַציע. אין דער כינעזישער פּאָעזיע, כדי זי זאָל זיין פאַרשטענדלעך, מוז דער דיכטער פיל געוויכט לייגן אויף די — מוזיקאַלישע — צייכנס. אַזעלכע צייכנס זיינען פאַראַן אַ סך, אָבער אין דער פּאָעטישער קאָמפּאָזיציע זיינען אַלגעמיין אנדערקענט די פאָלגנדיקע פיר:

א. די פינג-שענג, אָדער נידעריקער און גלייכער טאָן.

ב. די שאַנג-שענג, אָדער די שאַרפע און הויכע נאָט.

ג. די קו-שענג, אָדער די קלאָרע און וויטגייענדיקע נאָט.

ד. די רו-שענג, אָדער גראָדע און פאַרענדיקטע נאָט.

די איבערזעצונגען פון דער כינעזישער דיכטונג אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן, איבערהויפּט אין ענגליש, דייטש און פראַנצויזיש, זיינען נישט געבליבן אָן ווירקונג אויף די באַטרעפנדיקע דיכטונגען. די כינעזישע דיכטער ווערן נאָכגעמאַכט פון

א. אלמי

דיכטער אין אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטש־לאַנד און אַנדערע לענדער, אָננעמענדיק די איינפאַכקייט און „אַלטעגלעכקייט“ און די פרייקייט פון פערז פון דער כינעזישער פּאָעזיע.

פון דער אַנדערער זייט איז דאָס אַריבערפלייצן פון דער אייראָפּעאישער קולטור איבער דער הויכער כינעזישער מויער, דאָס רייסן זיך פון אַ טייל יונג־וואַרג קיין אַמעריקע און אייראָפּע, אונטער דער ווירקונג פון דער „אייראָפּעאיזירטער“ יאַפּאַן, נישט געבליבן אָן איינפלוס אויף דער כינעזישער דיכטונג, און אַ צאָל כינעזישע דיכטער זוכט איצט נאָכצו־מאַכן די קלאַסישע פאָרמען פון אייראָפּעאישע דיכ־טער. ווי דאָס וועט זיך אָפּרופן אויפן גאַנג פון דער כינעזישער פּאָעזיע בכלל, בלייבט איבער צו זען.

איבערזעצער פון די ציטירטע לידער :

מ. ווינאָגראַד :
פון טסאַ׳אָ סונג (די בערגלעך און די טייכן)
" וואו טי — הארבסט־ווינט
ליבע באַהאַלט מען.
" פאַ־טשואַי — דריי לידער
" פו חסיאַן — אַ מילדער ווינט.
" קייזער טשי׳ען וועןֿ־טי — אַ ווינטער־נאַכט.
אַ. ח. העלער :
פון פע לאַ־יע — (ווען מ׳שיידט־אָפּ דעם גוף)
" טו־פו — (מענטשן פאַרברענגען זייער לעבן צע־
שיידט)
" טשיען טסען גנאַן — (ווען מ׳טראָגט אַ מחשבה
אין הארצן)
קלמן הייזלער :
פון טו־פו — אויפן טייך טשו
" לי טאַי־פּאָ — דריי טרינק־לידער
דאָס הייז, וואו איך בין געבוירן.

פון דעמזעלבן מחבר:

די צווייטע עקזיסטענץ
(אפהאנדלונג וועגן ספיריטואליזם)
ביי די ראנדן (לידער)
אין עליאש'ם קיניגרייך (לידער)

גרייט צום דרוק:

בודא (איבערזעצונג פון די בודיסטישע
הייליקע שריפטן, מיט אן איינלייטונג)
רעגנבויגנס (לידער)
ליטעראַרישע שמועסן און פעליעטאַנען
יידישע פאָלקס־מעשיות פון 1863.